זיבעצענטער יאָהרגאַנג

№ 23

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פּרייז 20 גראָשען •

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 10 czerwca 1938 | ליכט-צינדען 7.43 | פרייטאג פ׳ נשא י״א סיון תרצ״ח

Biblioteka Jagiellońska
Kraków
Św. Anny 19

Z intencji zaręczyn
p. JAKUBA. ZELWERA
z p. BRONIĄ BIRENCWAJG
życzą dużo szczęścia i pomyślności.
SALA FISZLÓWNA,
HELA WATTENBERG.

עס ווערט געזוכט אַ קוואַליפּיצירטער
עקספּעדיענט אָדער עקספּעדיענטקע
אין אַ קאָלאָניאַל-הורט-געשעפט.
ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

FARBIARNIA. i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.

מאַכט בעקאַנט, אַז איצט ווערט געוואַשען מיט אַ הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואָס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר
פערבּיליגערט די פּרייזען:
אַ קאָלנער מיט אַ הערליכען גלאַנץ 10 גר.
אַ העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פּרייזען אויף כעמיש וואַשען און פאַרבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט.
ספּעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

przez cały świat, usuwając ODCISKI bez bólu.—Przy kupnie żądać oryginalnego pudełka LEBEWOHL Na każdym plasterku jest ten napis
L E B E W O H L

אונזער פריינד און ווירט ה׳ לייביש קושעפּיצקי
צוליעב׳ן טויט פון זיין חשוב׳ען פאָטער
מיכאל הירש ז״ל
דריקען מיר אויס הערצליכען מיטגעפיהל
יודל רינג און פרוי

די געברידער קושעפּיצקי דריקען אויס מיטגעפיהל
הירשל שאיא און פרוי,
יוסף שאיא און פרוי.

אונזערע פריינד ה׳ **שלמה אלי׳ מיסקע** און **פרוי** צו דער פערלאָבונג פון זייער ליעבע טאָכטער **פעלא** מיט ה׳ **ארנאָלד פיטעל** א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת. דעם יונגען פאר אַ בליהענדע צוקונפט ווינשען
פאַמיליע לאַסטמאַן

Z okazji zaręczyn p. JAKUBA ZELWERA
z p. BRONIĄ BIRENCWAJŻANKĄ
najserdeczniej gratulują
MANIA i DAWID KOZAK

יודען פון פוילען וואס קומען נאָך ארץ-ישראל
רייכערן נור די פּאַפּיראָסען
פון דער בעוואוסטער פאַבריק **„מספרו"** תל-אביב
100 פראָצ. יודישע אַרבייט. 16-יעהריגע עקזיסטענץ
די בעסטע אין ארץ-ישראל
לטיף יסמין נרקיס אמיר ישוב

Gimnazjum i Liceum Humanistyczne oraz Szkoła Powszechna
D-ra Filipa Axera
w Częstochowie, ul. Focha 24.

przyjmuje zgłoszenia do egzaminów wstępnych oraz wpisy w godzinach 10—13.

Egzamin wstępny do kl. I-ej gimn. rozpocznie się w niedzielę, dnia 19 czerwca o godz. 9-ej. Przed egzaminem należy złożyć metrykę i świadectwo ukończenia 6 oddz. szkoły powszechnej.

Dyrekcja zawiadamia, że z nowym rokiem szk. 1938-39 zakład przechodzi w zarząd organizacji społecznej.

W niedzielę dnia 12 czerwca o godzinie 18
odbędzie się w Sali Straży Ogniowej
UROCZYSTA AKADEMIA
urządzona przez **Dyrekcję i Komitet Uspołecznienia Gimnazjum Dra Axera**
połączona z pożegnaniem maturzystów,
opuszczających w tym roku zakład i otrzymujących **świadectwa dojrzałości.**
Dyrekcja i Prezydium zapraszają na uroczystość tę rodziców, uczniów i sympatyków zakładu. Bilety bezpłatnie w Dyrekcji.

Szkoła Zawodowa Dokształcająca Żeńska
dla Terminatorek

Związku Rzemieślników-Żydów w Częstochowie podaje do wiadomości, że zapisy na rok szkolny 1938—39 odbędą się od **12** do **16** czerwca b. r. włącznie w kancelarii szkoły przy ul. Przemysłowej 10 w godz. 17—20.

Przy zapisie należy przedłożyć: podanie, świadectwo szkolne, metrykę urodzenia i zaświadczenie pracodawczyni.

Druki na podania w terminie wcześniejszym uczenica otrzyma w kancelarii szkoły.

PRECZ
Z TROSKĄ,
SMUTKIEM
I NIEDOSTATKIEM

RADOŚĆ
BOGACTWO
ZADOWOLENIE

przyniesie Ci los ze znanej z większych wygranych kolektury
S. Hafftka i S. Borzykowski
Aleja 2, telefon 19-13.
W 42 loterii co drugi los wygrywa.
W 41-ej loterii na Nr. 100.450 w naszej kolekturze
padła wygrana złotych **25.000**

Tow. Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych w Częstochowie
zawiadamia, że
EGZAMINY DO KLAS GIMNAZJALNYCH
rozpoczną się w poniedziałek 20 czerwca o godz. 8 rano
EGZAMINY DO LICEUM
w piątek, dnia 24 czerwca o godz. 8 rano.
Zgłoszenia przyjmuje codziennie **kancelaria szkół w nowym gmachu przy ul. Jasnogórskiej 8-10.**
Telefon 11-58.

Zarząd Towarzystwa Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych
w Częstochowie zawiadamia, że
w niedzielę, dn. 12 bm. o godz. 5 30 po poł. odbędzie się
uroczyste rozdanie świadectw dojrzałości
w gmachu szkolnym przy ul. Jasnogórskiej № 8—10.
Na uroczystość tę proszeni są rodzice i przyjaciele gimnazjum

הורט! רעטייל!
דאס בעוואוסטע **פארבען = געשעפט**
S. Wiślicka
Częstochowa, Aleja № 2 telefon 14-25
האט אויפ׳ס לאַגער אַ גרויסען אויסוואַהל פון די בעסטע
פאַרבען, פּאָקאָסט, לאַקיר, לייהם, שעלאַק, פּינזעל, בראָנז, כעמיקאַליען.
שפּאָרט אייער געלד און מאַכט איינקויפען נאָר אין דער פירמא
S. Wiślicka, Aleja 2.

בעקאַנטמאַכונג.
עס ווערט בעקאַנט געמאַכט אַלע לערן-יונגלעך, אַז די
איינשרייבונגען
אין דער דערגענצונגס = שולע
הויבען זיך אָן פון 1 ביז׳ן 25 טשערוויעץ ד. י. פון 5 ביז 7 אָוועגד אין דער קאַנצעלאַריע פון דער האַנדווערקער-שולע, גאַרנצאַרסקאַ 8—6
ביים איינשרייבען דאַרף מען פאָרשטעלען די שול-צייגניש ווי אויך אַ מעטריקע די צאָהל ערטער איז בעגרעניצט.

גמילת-חסד-קאַסע „אהבת אחים" אַגואַדאָווע 6
זונטאָג, דעם 12 יוני 7 אָוונד אין אייגענעם לאָקאַל אַגראַדאָווע 6
די יערליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג
מיט פאָלגענדען טאָג אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) לעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, 3) טעטיגקייטס-באַריכט, 4) קאַסע-באַריכט און פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיאָנס קאָמיסיע, 5) בודזשעט אויפ׳ן יאהר 1938 39 6) וואַהלען פון אַ פערוואַלטונג, 7) וואַהלען פון אַ רעוויזיאָנס-קאָמיסיע 8) פרייע פאָרשלאָגען.

Szkoła Koedukacyjna im. Zofii Wajnsztokówny
w Częstochowie, Aleja 20, tel. 10-78.
przyjmuje zgłoszenia uczniów i uczenic do wszystkich klas.
Egzaminy systemem lekcyjnym.
Przedszkole, wzorowo urządzone przyjmuje zapisy dzieci od lat 3-ch.
Ogród szkolny czynny będzie przez całe lato.
Kolonie letnie mieszczą się w b. r. **w Bystrej** (Śląsk Cieszyński)
Zapisy przyjmuje kancelaria szkoły codziennie w godz. 12—14 i 16—17.

העלפט בויען!

די יודישע יוגענד פון פוילען, וועלכע קאן נישט עמיגרירען, וועלכע קאן נישט אנקומען אין דער אדוואקאטור אדער אין אנדערע פרייע פראפעסיעס האט איין אויסוועג – זיך אויסצולערנען א פאך, וואס זאל זיין אויך פעראייניגט מיט וועלטליכע בילדונג און פאך-קענטניס.

די דאזיגע אויפגאבע האבען אויף זיך גענומען די האנדווערקער-שולען אין פוילען, וועלכע ווערען אונטערשטיצט און סובסידירט דורך יק"א.

אויך מיר, אין טשענסטאכאוו, האבען אזא האנדווערקער-שולע, וועלכע ווערט אנגעפיהרט דורך א טיכטיגען לייטער און אין משך פון יאהרען האט די דאזיגע האנדווערקער-שולע ארויסגעגעבען הונדערטער ערשטקלאסיגע יודישע פאך-לייט, וועלכע פערנעמען פאסטענס אלס מייסטערס אין א רייהע יודישע פאבריקען, אדער זיי האבען זעלבסטשטענדיגע ווארשטאטען און ציהען דערפון פרנסה אויף א בכבוד'יגען אופן.

די פאדערונג פון דער איצטיגער צייט איז אבער, אז עס זאלען זיין וואס מעהר אויסגעבילדעטע יודישע פאך-לייט. די מויערען פון דער האנדווערקער-שולע אין ביז איצטיגען בעשטאנד זענען צו ענג. איז לויט דער איניציאטיוו פון דירעקטאר פושיטוסקער און שול קאמיטעט געבוירען געווארען דער פלאן אויפצובויען א נייעם בנין, לויט די לעצטע כללים פון טעכניק, וואס זאל זיין ווירדיג צו רעפרעזענטירען אזא אינסטיטוציע און צום שבח מוז מען זאגען, אז די ערשטע שריט זענען שוין געמאכט געווארען–די אויפזיכטס מאכט האט שוין בעשטעטיגט די פלענער און איצט טרעט מען צו צום בויען.

די יודישע געזעלשאפט אין טשענסטאכאוו דארף אבער און וועט דאס טאקי פערשטעהן, אז מיט'ן בלויזען גוטען ווילען קאן אזא ווערק נישט אויפגעשטעלט ווערען. מען מוז דערצו האבען אויסער ווילען אויך געלט און געלד, איז דעריבער דער חוב פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט מיטצוהעלפען מיט מאטעריעלע מיטלען, צו רעאליזירען דעם פלאן.

מען מוז געדענקען, אז אזא געביידע איז נישט קיין לוקסוס, נאר דאס איז די הערטע לעבענס נויטווענדיגקייט פון אונזער געגענווארט און צוקונפט; דאס איז דער ווארשטאט, וואו עס וועט זיך אויסבילדען דער יונגער דור, די צוקונפט פון דער אומה, דער געזונטער באזיס, דער פעסטער באדען, אויף וועלכען מיר וועלען קאנען שטעהן.

דער פרק שטעלט פעסט, אז תורה מיט מלאכה איז דער פונדאמענט, דער קיום פון א פאלק.

אט האבען די טשענסטאכאווער יודען ערשט אויפגעשטעלט א גימנאזיום, א לעהר-אנשטאלט פון גרויסען פערנעהם זאל דא אבער זיין דערלויבט פעסטצושטעלען, אז א האנדווערקער-שולע, וואו די יוגענד בעקומט בילדונג צוזאמען מיט א גוט פאך, האט א סך מעהר בעדייטונג. דערביי מוז בעמערקט ווערען, אז אויך די האנדווערקער-שולע האט בעקומען פולע רעגירונגס רעכט. איז דעריבער נאך מעהר וואגיגער די דאזיגע אינסטיטוציע, וואס וועט זיין א פעראייניגונג פון תורה מיט מלאכה, וואס וועט אויסבילדען די קאדרען פון אונזער צוקונפט – געבילדעטע פאך-לייט, אין וועלכע מיר האבען זיך ביז-איצט אזוי גענויטיגט.

מיר דערצעהלען דאס דעם יודישען טשענסטאכאוו און אפעלירען, אז אלע, סיי ארים און רייך, דער עושר – מיט מעהר, דער ארימאן – מיט ווייניגער. אלע, אלע, דארפען, מוזען אנטייל נעמען אין דער גרויסער הייליגער ארבייט.

מיר זענען, לײדער, אויסגעשטעלט אויף אונזערע אייגענע כחות, מיר האבען נישט צו ערווארטען פון דרויסען קיין הילף, דארף דעריבער זיין דער לאזונג אין דער יודישער מחנה פון טשענסטאכאוו –

העלפט בויען! ש. פ.

קורצע ידיעות פון דער וועלט.

– די ענגלישע רעגירונג האט בעשטעלט אין די פעראייניגטע שטאטען 300 באמבארדיר-עראפלאנען. גלייכצייטיג האט די ענגלישע רעגירונג בעשלאסען צו בויען א גרויסע כעמישע פאבריק אין קאנאדע.

– די טשעכישע רעגירונג האט אנערקענט א פארשטעהער פון גען. פראנקא אין פראג און בעשטימט גלייכצייטיג איהרס א פארשטעהער ביי דער רעגירונג פון גען. פראנקא.

– אין פאריז האבען ארבייטער געפונען א גרויסען גאלד אוצר פון 2 און א האלבען מיליאן פראנק. א פאר טאג שפעטער האט מען אין דעמזעלבען הויז געפונען א צווייטען גאלד-אוצר פון דעמזעלבען ווערט.

– די ידיעה וועגען דערשיסען אין מאסקווא דעם בעריהמטען פאלאר-פארשער פראפ. שמידט האט זיך ארויסגעוויזען פאר נישט ריכטיג. אויף דער אינטערווענץ פון ליטווינאוו'ען איז פראפ. שמידט בעגנעדיגט געווארען.

– איבער דער פראנצויזישער טעריטאריע אין ע לע טערם האבען זיך בעוויזען 9 שפאנישע עראפלאנען פון נישט פעסטגעשטעלטער אבשטאמונג און אראבגעווארפען 10 באמבעס, וועלכע האבען אבער קיינעם נישט געטראפען. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער פרעמיער דאלאדיע פעראר'דענט, אז די פראנצויזישע לופט פליהעריי זאל בעוואכען די גרעניץ און שיסען צו יעדן פרעמדען עראפלאן וואס וועט זיך בעווייזען אויף דער פראנצויזישער טעריטאריע.

– דער פיהרער פון די סודעטען-דייטשען אין טשעכיען קאנראד הענליין איז צוזאמען מיט זיין פרוי און קינדער אבגעפאהרען קיין דייטשלאנד. דעם זעלבען טאג איז הענליין צוריקגעקומען קיין טשעכיען.

– דער בעריהמטער יודישער געלעהרטער פראפ. זיגמונד פרויד איז אנגעקומען פון וויען קיין פאריז. פון פאריז פאהרט פראפ. פרויד אב קיין לאנדאן.

– די פראקוראטור אין ניו-יארק האט פעראָרדענט, אז עס וועט ווערען צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט יעדער איינער, וועמען מען וועט כאפען ביי אויפקלעבען אנטיסעמיטישע פלאקאטען.

– די לעצטענס דורכגעפיהרטע מאסען-ארעסטען צווישען יודען אין וויען האבען ארומגענומען פון 3 ביז 6 טויזענד מאן, א טייל פון וועלכע איז בעפרייט געווארען. הונדערט טויזענד יודען זענען ארויסגעשיקט געווארען אין קאנצענטראציע לאגער אין דאכאו.

– דאס מיליטער-געריכט אין חיפה האט ארויסגעטראגען א טויט-אורטייל אויף די 2 מיטגלידער פון „בית"ר" אברהם שיין און שלמה בן-יוסף פאר שיסען צו אנ'אראבישען אויטאבוס הינטער ראש-פינה. אין דער גאנצער וועלט איז אונטערגענומען געווארען א גרויסע אקציע צו ראטעווען פון טויט די 2 יוגענדליכע פון וועלכע איינער איז נאך נישט אלט קיין 18 יאהר.

– דער פוילישער גענעראל-קאנסול אין ירושלים האט פון ווארשא בעקומען טעלעגראפישע אינסטרוקציעס וועגען אינטערווענירען אויפ'ן דיפלאמאטישען וועג, כדי אויסצופועל'ן די בעגנעדיגונג פון די 2 צום טויט פעראורטיילטע יודען, פוילישע בירגער.

– אנ'אראבישע טעראריסטען-באנדע איז בעפאלען די קאלאניע דזשעדרא אין עמק יזרעאל. די יודישע הילפס פאליציי צוזאמען מיט די קאלאניסטען האבען פערטריבען די אנפאלער. בעת דער שלאכט איז דער יודישער הילפס פאליציאנט צבי לעווין דערשאסען געווארען און דער קאלאניסט גלאווינסקי איז שווער פערוואונדעט געווארען.

– בעת די קאלאניסטען און געהילפס-פאליציאנטען פון ראש פינה זענען געגאנגען לעשען דאס פייער אויף די ווייץ-פעלדער, וואס אראבישע טעראריסטען האבען אונטערגעצינדען, זענען זיי בעשאסען געווארען פון א לויער. א קויל האט געטראפען דעם 21-יעהריגען ישראל ליבערמאן, וועלכער איז מיט 2 יאהר צוריק געקומען פון פוילען; ער איז געפאלען טויט אויפ'ן ארט.

– קיין ווארשא איז געקומען צו פליהען פון זיין גיגאנטישען פליה איבער צפון און דרום-אמעריקא דער העלדישער פליהער מאיאר מאקאווסקי. מאיאר מאקאווסקי האט דורכגעמאכט די שטרעקע פון 23 טויזענד קילאמעטער.

– אין ווארשאווער אפעלאציע-געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס פון דאצענט ציווינסקי, וועלכער איז אין דער ערשטער אינסטאנץ פערמשפט געווארען אויף 3 יאהר תפיסה פאר בעליידיגען דעם אנדענק פון מארשאל פילסודסקי. דאס אפעלאציע-געריכט האט דעם אנגעקלאגטען נעמילדערט די שטראף אויף אנדערטהאלבען יאהר תפיסה.

– אין פראנקרייך קומען פאר קאמפען וועגען וועלט מייסטערשאפט אין פוטבאל, אין וועלכע עס נעמען אנטייל 15 מלוכות. אין שטראסבורג איז פארגעקומען דער מעטש צווישען פוילען און בראזיליען. די בראזיליאנער האבען געזיגט מיט 6 געגען 5.

– אין צוזאמענהאנג מיט דעם ראדיא-רעפעראט פון דיר. קאטעלבאך וועגען דער יודען-פראגע, אין וועלכען ער האט זיך ארויסגעזאגט פאר ארויסשטויסען יודען פון ווירטשאפטליכען לעבען און פון אנדערע געביטען – האט דעפ. זאמערשטיין אינטערווענירט ביים פרעמיער מיניסטער סקלאדקאווסקי, וועמען ער האט אויפמערקזאם געמאכט אויף דער נישט-דערלאזבארקייט פון אזעלכע ארויסטרעטונגען אין פוילישען ראדיא.

לאסען
צו דער ערשטער קלאס
זענען שוין צו בעקומען
אין דער גליקליכער קאלעקטור
J. WEKSLER
ALEJA № 6.
TELEFON № 11-55.
די ציהונג הויבט זיך אן דעם 22 ד. ח.

משיח'ס צייטען...

קליינער פעליעטאן

– מיר לעבען איבער משיח'ס צייטען, און אויב מיר וועלען נאך אויסהאלטען א קורצע ווײלע, וועלען מיר דערלעבען די גאולה שלימה.

מיין שכן ישראל יודל, וועלכער האט מיר מבשר געווען די דאזיגע ידיעה, האט געמאכט אנ'ערנסטע מינע, אזוי אז איך האב איינגעזעהען, דאס ער איז דערין פאקטיש איבערצייגט.

קענענדיג מיין שכן, וועלכער האט א געזונדען בליק אויף אלע ערשיינונגען פון לעבען, האט מיך דעריבער שטארק געוואונדערט, וואס ער רעדט אזוי וועגען משיח'ן און ער איז זיכער, אז אט אט וועט טאקי אין די נאהנטסטע טעג משיח קומען.

– פון וואנען נעמט איהר דאס – בין איך נייגעריג – וואס איהר רעדט מיט אזוי פיעל זיכערקייט וועגען ביאת משיח במהרה?

– קיין געוויסע פאקטען האב איך נישט – ענטפערט מיר מיין שכן – אבער אלע סימנים פון די לעצטע צייטען ווייזען אן, אז מיר לעבען איבער די חבלי משיח און אז שוין נאהנט איז דער קץ און מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות.

געהט שוין, געהט – וויל איך איהם נישט נאכגעבען – אין משך פון 2 טויזענד יעהריגען גלות האבען מיר שוין געהאט א סך משיח-סימנים, ווען מען האט גערעכענט, אז באלד קומט משיח. און איך דערמאן איהם פערשידענע היסטארישע פאקטען, ווען יודען האבען איבערגעלעבט מורא'דיגע צייטען ווי אין שנת ת"ח ות"ט און נאך שפעטער, אזוי אז עס האבען זיך זאגאר געשאפען פאלשע משיחים, ווי שבתי צבי, יעקב פראנק, פון וועלכע מיר האבען געהאט נאך גרעסערע צ־ות, ווי פון די שונאים און – זאג איך – מעגליך, אז אויך היינט זענען דא די סמנים; וואונדערט מיך טאקי אויף אייך, ישראל יודל, וואס אויך איהר זענט לייכטזיניג בנוגע דער גרעסטער שטרעבונג פאר'ן יודישען פאלק, ווי גאולת-המשיח.

– האלט מיך נישט פאר אזא לייכטזיניגען – ענטפערט מיר ישראל יודל – וועגען אלע מכשולים, וואס מיר יודען האבען געהאט צוליב די פאלשע משיח-סימנים ווייס איך, פונדעסטוועגען גלויב איך באמונה שלימה, אז דאס מאל זענען די משיח-סימנים ריכטיגע און אז דאס מאל וועלען די משיח האפנונגען נישט אבנארען. עס וועט קומען די אויסלייזונג פון דער גאנצער מענשהייט און עס וועט זיין תכלה הרשעה מן הארץ.

– דערצעהלט מיר אבער קאנקרעט וועגען אייערע סימנים. כ'מיין, פון וואס דרינגט איהר ארויס, אז דאסמאל איז שוין ריכטיג משיח'ס צייטען – לאז איך נישט אב מיין שכן – דערצעהלט געניי וועגען דעם, וואס איהר ווייסט, וועל איך זיך אויך פרעהען.

– אדרבה, הערט – זעצט זיך אנידער ישראל יודל און הויבט אן מסביר צו זיין דעם ענין.

דער ערשטער סימן – גיט ער מיר צו פערשטעהן – איז דאס, וואס אונז יודען ווערט אלץ ערגער. אמת, מיר האבען קיינמאל נישט געלעקט קיין האניג, אבער אזוי ביטער, ווי ס'איז היינט, איז נאך קיינמאל נישט געווען. אמאל האט מען אונז געצווינגען צו שמד'ן, וואס דאס איז, געווען א סגולה פטור צו ווערן פון יודישע צרות; היינטיגע צייטען אבער העלפט דאס אויך נישט–נישט מען לאזט אונז לעבען, נישט מען לאזט אונז שטארבען. און די דאזיגע מגפה פערשפרייט זיך וואס אמאל אלץ מעהר און מעהר, אזוי אז עס איז שוין נישטא קיין אויסוועג. עס דערמאנט מיך – זאגט ווייטער מיין שכן – די געשיכטע, ווען יודען זענען ארויס פון מצרים. ארום זענען געווען שלאנגען און עקדישען, פון הינטען האט זיי פערפאלגט דער שונא און פון פארענט איז געווען דער ים, און ווען עס איז שוין געווען באו מים עד נפש, האט געמוזט געשעהן דאס גרויסע נס און די אויסלייזונג איז געקומען. אויך מיר געפינען זיך היינט אין אזא לאגע, און היות דאס פאלק ישראל וועט בשום אופן נישט אונטערגעהן, איז נישט אנדערש, נאר אז משיח מוז קומען, אזוי אז מיר יודען זאלען פטור ווערען פון די גרויסע אונבעשרייבליכע צרות.

א צווייטער סימן איז דאס-רעדט ווייטער מיין שכן–וואס יודען מוזען זיך רופען ביי זייערע יודישע נעמען. אזוי למשל, איז ארויס א פעראָרדנונג, אז אויף די שילדען פון די געשעפטען מוזען די יודישע סוחרים אויפשרייבען נישט סטאניסלאוו אדער מאטשעק, נאר זייערע ריכטיגע יודישע נעמען: שמואל אדער משה, און דאס אליין איז אויך א סימן מובהק, אז מיר האלטען ערב די גאולה. ווי שטעהט דאס דארט אין פסוק, אז יודען זענען אויסגעלייזט געווארען פון מצרים אויך א דאנק דעם שלא שינו את שמם, ווייל זיי האבען נישט געענדערט זייערע נעמען. און אז די יודען קעהרען זיך יעצט צוריק צו זייערע יודישע נעמען קאן אונז אויך אמבעפסטען בעווייזען די נייע שוהל. ווי בעוואוסט–דערצעהלט ווייטער מיין שכן–האט מען אין דער נייער סינאגאגע ביי הזכרת נשמות אנגערופען די פערשטארבענע מיט גוי'אישע נעמען, ווי למשל, את נשמת סעבאסטיאן סין יאצענטעגא מארטשינא, דאמאזי סין פלאריאנא אזוו. היינטיגען יום טוב אבער האט מען זיי שוין אנגערופען ביי די ריכטיגע יודישע נעמען, און דאס האט אויך א גרויסע בעדייטונג, דאס איז דער בעסטער סימן. אז מיר האלטען פאר דער גאולה...

– וואס פארע סמנים האט איהר נאך–וויל איך ארויסציהען ביי מיין שכן מעהרערע פרטים וועגען זיין טיעפען גלויבען, אז מיר האלטען ביי משיח'ס-צייטען.

– דער בעסטער סימן איז–שטעלט זיך אויף מיין שכן און הויבט אן רעדען מיט א פייערליכער שטימע–וואס ארום און ארום איז חושך מצרים, די וועלט איז בעהערשט מיט שרעקליכער רשעות, די גאנצע לופט איז אנגעפולט מיט אויפרייס מאטעריאל, פון אלע זייטען זאמלען זיך שווערע, בלייענע וואלקענס און דער עיקר, וואס מיר יודען פיהלען דאס אנקומען פון שרעקליכע, שטורמדיגע טעג וואס וועלען זיך ווי א שווערע דערדריקענדע משא אראבלאזען אויף אונזער לעבען. אט דאס איז דער איבערצייגענדסטער צייכען, אז ומלאה כל הארץ חמס און במילא מוז קומען א מבול אויף דער וועלט. נאכ'ן מבול, ווי בעוואוסט–זאגט ווייטער ישראל יודל מוז קומען א לויטערע זון, וואס וועט שיינען פאר א פרייער ליכטיגער וועלט, וואו יושר און גערעכטיגקייט וועלען זיין די הויפט-פרינציפען פון אלע איינוואוינער, און מיר יודען, וועלכע האבען די מיסיע פון קדמונים צו פ"עדיגען ברידערליכקייט פון פאלק צו פאלק און פון מענש צו מענש, גלויבען דעריבער, אז גראד דאמאלס, ווען די וועלט איז איינגעטינקט אין רשעות ביז איבער'ן קאפ, מוז קומען די גאולה.

אוודאי קאן זיך יעדער אויסטייטשען –זאגט מיין שכן–דאס קומען פון משיח'ן ווי ער וויל און פערשטעהט, מיר יודען אבער, אלס דאס אלטע אויסגעפרובטע פאלק פון פרידען און שלום, שטעלען זיך פאר דאס קומען פון משיח'ן, אלס דעם אויסלייזער פון דער גאנצער מענשהייט, פון זייערע פיין און ליידען, און במילא אויך אלס בעפרייער פון יודישען פאלק.

איבריגענס–זאגט צום סוף ישראל יודל–מוזען מיר גלויבען מיט'ן גאנצען הארצען, אז משיח קומט, ווייל ווען מיר זאלען נאך אויף איין מינוט צווייפלען דערין און גלויבען, אז דאס רשעות וועט אנהאלטען נאך א לענגערע צייט, וואלטען מיר נישט געטארט לעבען. היות אבער ווי מיר יודען האבען דעם גרויסען בטחון, וואס איז איינגעווארצעלט אין אונזער גאנצען וועזען פון אייביג אן. וועלען מיר בשום אופן נישט נאכטהון דעם ביישפיעל פון די וויענער יודען, וועלכע דעזערטירען פון לעבען. נאר מיט'ן גאנצען יודישען עקשנות, וועלכער איז הארט ווי א פעלזען, וועלען מיר ווארטען אויף דער אויסלייזונג פון דער וועלט, וואס וועט בקרוב געשעהן.

יא, מיר גלויבען און זענען איבערצייגט, אז אט די יסורים, וועלכע מיר לעבען יעצט איבער, זענען די חבלי-לידה פון א נייער וועלט, עס איז משיח'ס-צייטען...

סמאל

ד"ר ח. שאָשקעס

קאָאָפּעראַטיווער טאָג — אַ יום-טוב פון אָפּטימיזם

דעם 12-טען יוני פייערט מען אין דער גאַנצער וועלט דעם קאָאָפּעראַטיווען טאָג. מיט אַ יאָהר 15 צוריק, ווען די מענשהייט איז נאָך געווען פערמאַטערט פון וועלט קריעג און אין אַ סך לענדער און שטעדט זענען נאָך געשטאַנען די חורבות, וועלכע האָבען דערמאָנט וועגען ימים פון שנאה, פון בלוט און פון טרעהרען, וואָס האָבען אונטערגעשוועכט דעם פרידליכען צוזאַמענלעבען פון פעלקער — איז לייכט געווען צו רעדען וועגען איינינקייט און ברודערליכקייט. דאַמאָלס האָבען פריהלינגס ווינטען פון שלום און דעמאָקראַטישע אידעען געשוועבט אין דער לופטען, דעמאָלט איז נאָך יונג געווען די אידעע פון פעלקער-בונד און קיין זשענעווע זענען געווענדעט געווען די פערמאַטערטע בליקען פון מלחמה-דור, וועלכער האָט געלעכצט נאָך פריעדען און געטרוימט וועגען אַ קאָנסאָלידירטער פעלקער-געמיינשאַפט.

אָט אין יענעם פעריאָד איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דורך אַן'אינטערנאַציאָנאַלען צוזאַמענפאַהר דער קאָאָפּעראַטיווער טאָג. דאָס האָט געזאָלט הייסען: איהר אַלע, מענשען פון פערשידענע ראַסען און קאָלירען, פּאָליטישע אַנשויאונגען און רעליגיעס — איהר אַלע, וועלכע זענט מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיווען פון סאַן-פראַנציסקאָ ביז באָמביי, פון שטאָקהאָלם ביז מאַדריד, פערהאַלט זיך אויף איין טאָג אין מיטען וועג פון אייערע טאָג-טעגליכע זאָרגען, שטרעבונגען, סימפּאַטיעס... פערטראַכט זיך אַלע צוזאַמען אין דעם טאָג איבער דער נויטווענדיגקייט פון בויען אייער ווירטשאַפטליך און קולטורעל לעבען מיט געאייניגטע כוחות אויף יסודות פון געמיינזאַמער מיטאַרבייט פון קאָאָפּעראַציע. מיט 15 יאָהר צוריק זענען די דאָזיגע לאָזונגען געפאַלען אויף אַ פרוכטבאַרען באָדען. גרויס איז געווען די בענקשאַפט צו אַ פרידליכען צוזאַמענלעבען נאָך דעם גרויסען קאַטאַקליזם פון וועלט קריעג. מיט יעדען יאָהר שפּעטער ווערען בלאַסער די פרידענס אידעאַלען, ווערען בולט'ער די געגענזאַצען, וואַקסען ווילדער די שטימען פון די שאָוויניסטישע וועלט-אינטערצינדער, וועלכע פּרעדיגען נישט פעראייניגונג, נאָר צוטיילונג, נישט ברידערליכקייט, נאָר געגענזייטיגע אונטערדריקונג.

אָט די גיפט-מישער האָבען פערסמט מיליאָנען מענשען און זיי אַרויסגעריסען פון די רייהען, וועלכע בויען בריקען צווישען פעלקער און לענדער. מיט טייוואָלאָנישען ציניזם האָט מען די בריקען אונטערגעצינדען און זיי פלאַקערען, ווי שוועבעל פון סדום ועמורה אויף צאָהלרייכע פונקטען פון אונזער איצט אַזוי אומעטיגען ערד-קויל. און דאָך! אויך אין יאָהר 1938 ווערט געפייערט דער קאָאָפּעראַטיווער טאָג און דעם 12-טען יוני וועלען אין אַלע וועלט-טיילען, דאָרט וואו דער פרייער גייסט איז נאָך נישט דערשטיקט פון די פינסטערע כוחות, וואו דער יחיד קען נאָך אויסאיבען זיין ווילען און לאָזען הערען זיין שטימע, — דאָרט וועט זיך פונאַנדערטראָגען אַ רוף: „אין איינינקייט פון אַלע מענשען, אָהן אונטערשיד פון ראַסען און רעליגיעס, איז די צוקונפט פון דער מענשהייט! נאָר דאָס, וואָס פעראייניגט, איז אַ בויענדיגע קראַפט, און דער פאָהן פון קאָאָפּעראַציע מיט אַלע איהרע קאָלירען פון רעגען-בויגען איז דער אויסדרוק פון צוקונפט. ווען עס וועלען פערשווינדען די פערשידענע לאָקאַלע עגאָאיזמען מיט זייערע פאַלשע געטער.

אין וואָס אייגענטליך בעשטעהט דער זין פון קאָאָפּעראַציע? קאָאָפּעראַציע הייסט מיטאַרבייט. קאָאָפּעראַציע דאָס איז אַ נייער וועג צו פערווירקליכען דעם ביבעל-פּרינציפּ „ואהבת לרעך כמוך". קאָאָפּעראַציע — דאָס איז זעלבסטהילף פון מענשען, וועלכע ווילען זיך אַליין העלפען, העלפענדיג אַנדערע. די קאָאָפּעראַטיווע אַרבייט איז אַ חברי'שע אַרבייט, אַן'אַרבייט פון מענשען, וועלכע זעהען אין די אַנדערע מענשען גלייכע חברים. דעריבער איז דער הויפּט-פּרינציפּ פון יעדען קאָאָפּעראַטיוו: איין מענש — איין שטימע, נישט קוקענדיג אויף דער גרויס פון געלד-מיטלען, וואָס יענער טראָגט אַריין. אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג ווערט געשאַפען נישט בכדי צו ציהען פון איהר וואָס גרעסערע רווחים, נאָר קודם כל בכדי צו בעפרידיגען די ווירטשאַפטליכע און קולטורעלע בעדערפענישען פון איהרע מיטגלידער, וועלכע זענען צו גלייכער צייט די בעלי-הבתים און קליענטען פון זייערע קאָאָפּעראַטיוון.

בשעת אין יעדער פּריוואַטער אונטערנעהמונג ווערט יעדער קליענט בעטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון זיינע מאַטעריעלע מעגליכקייטען, ווערט דער מיטגליד אין קאָאָפּעראַטיוו בעטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון אַרבייטס-פעהיגקייט, ערליכקייט און לייסטונגס-מעגליכקייטען. דאָס פלאַנצט איין דאָס געפיהל פון גלייכהייט צווישען מענשען פון פערשידענע געזעלשאַפטליכע שיכטען. אַ דאַנק דער קאָאָפּעראַציע ווערט קאַפּיטאַליזירט די ערליכקייט פון מיטגלידער און נישט נאָר דאָס. איידער די קאָאָפּעראַציע איז געשאַפען געוואָרען האָט דער פשוט'ער מענש קיין צוטריט נישט געהאַט צו דער פערוואַלטונג און קאָנטראָלע אין וואָס פאַרא נישט איז אונטערנעהמונג. דורך דעם גלייכהייטס-פּרינציפּ פון דער קאָאָפּעראַציע האָט ער בעקומען די מעגליכקייט אויסגעוועהלט צו ווערען אין די אָנפיהרענדיגע און קאָנטראָלירענדע אָרגאַנען פון די גרעסטע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, און דורך דעם איז דעמאָקראַטיזירט געוואָרען דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען.

דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ פון דער קאָאָפּעראַציע פערטרייבט דעם יאוש און די נידערשלאָגענקייט פון דעם ווירטשאַפטליכען-שוואַכען מענשען און גיט איהם אַ שטאַרקען גלויבען אין זיינע אייגענע כחות, אַ גליענדיגען בעגער צו אַ בעסערער און שענערער צוקונפט. אָט אין דעם ליגט דער טיפער סוד פון דער קאָאָפּעראַציע, פון איהר ברייטען פאַרנעם און קאָלאָסאַלער ענטוויקלונג; אין דער אחדות אין די קראַפט פון דער קאָאָפּעראַטיווער אידעע, וועלכע איז אַ בעוועגונג, נישט נאָר פון שווערען היינט, נאָר פון דעם בעסערען מאָרגען. די שענערע און בעסערע צוקונפט דערהויבט אונזער שטימונג און פערטרייבט די וואָכעדיגקייט פון אונזער טאָג-טעגליכען לעבען.

* * *

ביי אונז יודען איז די קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג דער איינציגער ביים היינטיגען טאָג אינסטרומענט פון ווירקליכע איינינקייט אויף אַלע געביטען פון ווירטשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען. מיר זענען דאָך אַזוי צובראָכען אין צעהנדליגער שטרעמונגען און פּאַרטייען; אין ליידענשאַפטליכען געגענזייטיגען קאַמף פון איינעם געגען צווייטען, פערגעסען מיר אָפטמאָל דאָס וויכטיגסטע: די הויפּט נויטען פון אונזער פאָלק. די שרעקליכע נסיונות פון די לעצטע יאָהרען האָבען אונז נידערשלאָגען מיט זייער שאַרפקייט, מיט זייער אומבערעכטיגקייט. מיר יודען זענען געוואָרען אַ ציעל פאַר רויב-פויגעל, וועלכע זענען געקומען צו דער מאַכט פאַר'ן פרייז פון דערנידערונג פון גאַנצע פעלקער און פון איינצעלנע מענשען. אונז בעשולדיגט מען אין דעם גרעסטען חטא פון היינטיגער צייט: אין שטרעבען צו אינטערנאַציאָנאַלער אחדות און ברידערליכקייט. לאָמיר זשע דעריבער אין היינטיגען טאָג פון קאָאָפּעראַציע, וועלכער איז טאַקע אַ רוף צו דער אחדות און ברידערליכקייט, זיך אָנשליסען אין דער גרויסער אַרמעע, וועלכע מאַרשירט אונטער דער פיעלפאַרביגער קאָאָפּעראַטיווער פאָהן!

לאָמיר זיך פעראייניגען אַרום אונזערע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, וועלען זייערע מיטגלידער און אויף אַזאַ אופן פערשטאַרקען דעם פונדאַמענט פון די אַלמענשליכע אידעאַלען. אויב אין דער וועלט איז נאָך ביים היינטיגען טאָג מעגליך, אַז צעהנדליגער מיליאָנען מענשען אין אַלע לענדער זאָלען פייערן אַ געמיינזאַמען יום-טוב, איז אַ סימן, אַז נישט אַלץ געהער צו די „ריטער פון פינסטערניש". לאָמיר מיט פעראייניגטע כחות צוזאַמען מיט אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטען פון דער גאַנצער וועלט בויען אַ ליכטיגע צוקונפט פון אחדות און קאָאָפּעראַציע!

טשעקאָווע ידיעות

די געשיכטע פון דער פענע

דער טויט פון דזשאָן וואָטערמאַן, דעם ענטדעקער פון דער אַזוי-גערופענער „אייביגער פעדער" האָט אַרויסגעבראַכט אויפ'ן געדאַנק די אַזוי-קאָמפּליצירטע געשיכטע פון דער פענע בכלל.

אין אַלטערטום האָט מען די פענע פערביטען מיט אַ הילצערן אָדער מעטאַל שטעקעלע. אויף די רעליעפען פון סאַקקאַרע, וואָס שטאַמען פון 2500 יאָהר — פקה"ר, איז אויסגעמאָהלען אַ שרייבער, וואָס האַלט אין איין האַנט אַ ליימענעם טאָוועל און אין דער צווייטער — אַ הילצערן שטעקעלע. אין די שפּעטערדיגע אויסגראָבונגען בעגעגענט מען שוין אַ בלייערן טאָוועלע און דאָס שטעקעלע איז שוין פון אייזען. אויך אין די מלוכות פון אַלטען מזרח, אין אשור און בבל, האָט מען זיך בענוצט מיט די זעלביגע שרייב מכשירים שטאַרק פערשפּרייט זענען אויך געווען די וואַקסענע טאָוועלעך (אין גריכענלאַנד און רוים).

ס'פערשטעהט זיך, אַז די ענטוויקלונג פון דעם שרייב-מכשיר איז געווען ענג פערבינדען מיט דעם מאַטעריאַל, אויף וועלכען מען האָט געשריבען. אויב דאָס איז געווען דאָס אשורישע ליימענע טאָוועלע, איז די „פענע" בעשטאַנען פון אַ פערשניצט הילצערן שטעקעלע, די מעטאַלענע טאָוועלעך האָבען שוין געפאָדערט שטעקעלעך פון אַ האַרטען מעטאַל. אין אַנדערע לענדער, ווי די קולטור איז שוין געשטאַנען גאַר הויך, למשל אין עגיפּטען וואו מיט טינט איז מען שוין געווען בעקאַנט פון אַלטע צייטען, האָט מען שוין די פענע געמאַכט פון האַרטערען געוויקס און פּאַפּיר — פון פּרעפּאַרירטען פּאַפּירוס. טייל שבטים פון דרום אַזיע אויף די אינזלען סומאַטראַ און יאַוואַ שרייבען אויף די בלעטער פון אַ געוויסער פּאַלמע מיט אַ מעסער. אין אינדיע האָט מען 900 יאָהר נאָך קר. אויך געשריבען אויף בלעטער מיט אַ שטעקעלע אין דער פאָרם פון אַ מעסער.

די שרייב מכשירים האָבען ראַדיקאַל געענדערט זייער אויסזעהן מיט'ן מאָמענט, ווען דער בעריהמטער מאַנדאַרין טסאַילון האָט ענטדעקט דעם פּראָטאָטיפּ פון דעם היינטיגען פּאַפּיר. פון דאַמאָלס אָן, ד. ה. פון 2 י"ה נק"ר, איז דאָס פּאַפּיר בעקאַנט געוואָרען אין כינע, קאָרעע און יאַפּאַן. אנשטאָט דעם הילצערנעם שטעקעלע האָט מען אָנגעהויבען נוצען אַ ווייכען פּענדזעל און טוש, וואָס מ'פלעגט אַרויסקריגען פון ים בעלי חיים, וואָס זענען צו דעם צוועק געהאָדעוועט געוואָרען אין יאַפּאַן און אין כינע. די פענע איז דאָרט ביז היינט נאָך נישט בעקאַנט. עד היום שרייבט מען נאָך דאָרט מיט אַ פּענדזעל.

די אַראַבער האָבען בענוצט פענעס, וואָס זענען געמאַכט געווען פון פערשפּיצטע ים-שטעקעלען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז בעסער שרייבט זיך טאַקע מיט אַ מעטאַלענער פענע. האָט מען צום ים-שטעקעלע צוגעשטוקעוועט די מעטאַלענע פענע און דאָס פריהערדיגע אַזוי נוצליכע שטעקעלע האָט פערנומען די ראָלע פון דעם היינטיגען הענטל. דאָס הענטל האָט מען שעהן צוגעפּוצט; מ'האָט אויסגעשניצט פערשידענע מוסטערען און זיי עסטעטיש צוגעפּאַסט. ענליך האָט זיך אויך פאָרגעשטעלט די לאַגע אין פערסיען — פון וואַנען ס'שטאַמען מוסטערן פון קינסטלעריש פערפּוצטע פענעס. אַ טייל פון זיי זענען אַפילו בעזעצט מיט דימאַנטען. קופּערנע און בראָנזענע פענעס זענען בעקאַנט געווען אין רוים אין 1-טען י"ה נאָך קריסטוסען. זיי האָבען קענטיג אַריבערגעוואַנדערט אַהער פון עגיפּטען.

אין דער עפּאָכע פון הומאַניזם האָט מען געוועהנליך גענוצט די פענעס פון ים-שטעקעלעך, וועלכע האָבען אינגאַנצען אַרויסגעשטופּט די פייגיל פעדערן, וואָס האָבען זיך נאָך ערגיץ פערוואַלגערט אין די קלויסטערס. ווי די גייסטליכע פלעגען נאָך זעהר געשיקט מיט זיי שרייבען און צייכענען אין די צייטען פון לודוויק דעם 14-טען האָט זיך ווידער בעוויזען די פענע פון אַ פויגעל-פעדער. די צושטעלערין פון אָט די פעדערען איז געווען די גאַנדז, בעקאַנט איז דאַמאָלס געווען דער מנהג צו שענקען זיך מתנות אַזעלכע פעדער'ס. מ'פלעגט שענקען אַ פעדער פון אַ קאַטשקע, אַן'אָדלער אָדער פון אַ קראָ, אָבהענגיג פון דעם, וואָס מ'האָט געוואָלט מיט דעם אויסדריקען.

די ערשטע מעטאַלענע פענע האָט זיך בעוויזען אין ענגלאַנד אין יאָהר 1780. זי האָט געשטאַמט פון האַררי-סאָנס פאַבריק אין בירמינגהאַם. האַררי-סאָן האָט געמאַכט די ערשטע פענע פאַר'ן בעריהמטען כעמיקער האַנדסוואָרט פון פּריסטלי. אָט די ערשטע פענע געפינט זיך איצט אין שטאַדטישען מוזעאום אין בורמינגהאַם. אין יאָהר 1808 האָט בריאַן דאָנקין געקריגען דעם ענגלישען פּאַטענט אויסצואַרבייטען שטאָלענע פענעס. דאָנקינס פענע האָט געהאַט אין דורכשניט דאָס אויסזעהן פון אַ צילינדער אין געגענזאַץ צו האַררי'סאָנס פענע, וואָס איז געווען אין דורכשניט קאַנטיג. אויסגעבעסערט האָט די פענע דזשעמס פּעררי. די ערשטע פענע-פאַבריק האָט געמאַכט דזשאָן מיטשעל אין יאָהר 1822.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

געווען אַ געמיינזאַמער יום-טוב.

זעלטען ווען ט'טרעפט, אַז ס'זאָל זיין אַ געמיינזאַמער יום-טוב, וועלכען די גאַנצע בעפעלקערונג זאָל פייערן, אויסטהון זיך פון דאגות פרנסה און רוהען אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט, אַזוי ווי דאָס איז געווען דעם פערגאַנגענעם שבועות.

אמת, יעדע וואָך האָט איין טאָג רוה, ווען מען טאָר נישט האַנדלען: ביי יודען — שבת און ביי קריסטען — זונטאג, נאָר דאָס איז נישט קיין פולשטענדיגער יום טוב. נישט אַלע יודען רוהען אין שבת, ווי, למשל, אַ טייל געוועלב אייגענטימער און אויך אַ גרויסע צאָהל יודישע אַרבייטער, וועלכע מוזען זיין בעשעפטיגט צוליעב'ן שטיקעל ברויט; זונטאג ווידער, טרעפט זיך, אַז אַפילו קריסטען (כ'מיין פּאָליציאַנטען) וועלכע מוזען היטען, אַז יודען זאָלען חלילה נישט מחלל זונטאג זיין. קומט אויס, אַז זיי, די פּאָליציאַנטען רוהען אַפילו אום זונטאג אויך נישט.

דעם היינטיגען שבועות אָבער האָט אַלץ גערוהט — יום טוב אויף גאַס וועלט. מען האָט אַפילו נישט געדאַרפט קיינעם היטען, אַז ער זאָל נישט מחלל יום טוב זיין.

און עפּיס לערנט אונז אויך דער געמיינזאַמער יום טוב. עס איז ליגענד, דאָס פערשידענע פעלקער קענען נישט לעבען האַרמאָניש. אָט האָט איהר אַ בעווייז, אַז ס'האָט געהערשט אַלגעמיינער יום טוב, כאָטש די יודען האָבען אָבגעריכט זייערע תפילות אין די שוהלען און די קריסטען אין די קירכעס.

יאָ, ווען די פעלקער פון דער וועלט וואָלטען נאָר געוואָלט, ווען ביי זיי וואָלט נישט דאָמינירט די בעסטיע, וואָלט אויף דער גאַנצער וועלט געקאָנט שטענדיג הערשען אַ געמיינזאַמער יום טוב...

פאַקטען, וועלכע ווערען פערשוויגען...

אַמאָל און דאָס ערשט נישט לאַנג האָט מען וועגען יעדער עולה, וואָס ס'איז געשעהן בין אדם לאדם באַלד רעאַגירט. מענשען האָבען וועגען דעם גערעדט, די צייטונגען האָבען געשריבען, מען האָט עס געהאַלטען פאַר אַן'עולה און מאַנכע אַזעלכע עולות זענען אַפילו געקומען צום גרינעם טיש, וואו די זינדיגע זענען פאַר זייערע טהאַטען בעשטראָפט געוואָרען.

היינט איז אַ ביסעל אַנדערש. ס'פערשטעהט זיך, אַז אויב די בע'עולה'טע זענען יודען, איז נישט מען דערצעהלט וועגען דעם, נישט די צייטונגען שרייבען און זעלטען ווען, אַז עס זאָל אָנקומען אין געריכט אַריין.

טאָג-טעגליך ווערען יודען בעפאַלען און צושלאָגען, אַ סך ווערען קאַליקעס און שאַ, שטיל, קיינער גיט נישט קיין פּיפּס, די זון וואַרעמט ווייטער ביי טאָג, נאָר די נאַכט דעקט צו אַלע עולות, זיי וועלען נישט קומען אויף דער ליכטיגער שיין.

צופעליג ווער איך געוואויר, אַז דער יודישער אַרבייטער עזריאל פּאַקטאָר איז געהענדיג צו דער אַרבייט 10 אַ זייגער אָוועגד, נעבען דעם פייערלעשער-זאַל מערדערליך צושלאָגען געוואָרען פון דורכגעהענדע כוליגאַנעס, אַזוי אַז ער איז נישט פעהיג געווען צו דער אַרבייט אין משך פון עטליכע טעג. הירשל עפּשטיין איז, געהענדיג צו אַ סוחר, בעפאַלען געוואָרען אין מיטען העלען טאָג אין פּאַרק און מיט אַ פלאַש האָט מען איהם געעפענט דעם קאָפּ אַזוי, אַז ביז'ן היינטיגען טאָג האָט ער נאָך אַ בלוטיגען צייכען אויפ'ן שטערן. אַ געוויסער ראָזענבערג איז האַלב זיעבען אָוועגד בעפאַלען געוואָרען אויף דער קאַטשעשוסקע גאַס און מיט אַן'אייזען האָט מען איהם אויסגעשלאָגען און צוהרג'עט. אויף דער מיראָווסקע גאַס איז — אָבער צו וואָס אַלעס אויסרעכענען, אַ פאַקט איז, אַז וועגען די אַלע פאַרפאַלען, וועלכע געשעהן טאָג-טעגליך, איז קיין פּאָליציישער פּראָטאָקאָל נישט צוזאַמענגעשטעלט, מענשען רעדען נישט דערפון און במילא שרייבען וועגען דעם נישט די צייטונגען.

ווען מען זאָל יאָ שרייבען וועגען יעדען איינציגען ענליכען פאַרפאַל, וואָלט אויסגעפעהלט פּאַפּיר און טינט.

מיר לעבען היינט אין אַזאַ צייט, ווען אַזעלכע פאַקטען, וואו מען שלאָגט און מען ממיתט יודען, ווערען אינגאַנצען פערשוויגען...

צי וועט זיין פּרצוף בעקומען אַן'אַנדער פּנים...

פאָריגעס יאָהר איז בעת די טרויעריגע יוני-געשעהענישען אויך צושלאָגען געוואָרען איינער, אַן'אינטעליגענטער יוד מיט אַ דאָקטאָר-טיטול, וועלכער פערנעמט אַ וויכטיגען פּאָסטען אין אַ האַלב אָפיציעלער רעגירונגס-אינסטיטוציע.

און דעם דאָזיגען יוד, כאָטש ער האָט ווייניג שייכות מיט יודען און האָט זיין גאַנץ לעבען געווידמעט דער פּוילישער ליטעראַטור און קולטור, האָבען אָבער די שלעגער דערקענט, אַז ער איז אַ יוד און איהם מקיים פּסק געווען. פון דאַמאָלס אָן איז, ווי ס'ווייזט אויס, געקומען אַן'איבערבראָך אין מח פון דעם דאָזיגען מענשען. ער האָט זיך געטראַכט אַזוי: מיט יודען האָב איך האָך סיי-ווי נישט קיין געמיינזאַמעס, טאָ צו וואָס דאַרף איך נאָך ליידען אַלס יוד; בעסער וועל איך זיך אָבשמד'ן און אַ סוף זאָל נעמען צו די צרות. געטראַכט און געטהון.

ס'זאָגט זיך נאָר אַזוי געטהון. ס'האָט געדויערט כמעט אַ גאַנץ יאָהר, ביז ער האָט זיך דעצידירט צו דעם שריט, און ענדליך יענע וואָך, כמעט צו דער „יאָהרצייט", איז ער אַוועק אין קלויסטער און זיך ערקלערט פאַר אַ גלויביגען קריסט.

מילא, זאָל עס איהם וואויל בעקומען. איין פראַגע איז נאָר: פון וואַנען וועלען די שלעגער וויסען, אַז פלוני בן פלוני האָט איבערגעריסען מיט'ן יודענטום און מען זאָל איהם מעהר נישט שלאָגען?...

צי וועט דען זיין פּרצוף בעקומען אַן'אַנדער פּנים?...

זיי זענען ווערט אַ שבח.

מען מוז אָנערקענען, אַז די לעצטע צייטען ערפילען די מיטאַרבייטער פון „בית לחם" זייערע אויפגאַבען אויפ'ן בעסטען אופן.

מערקווירדיג איז נאָר דאָס, וואָס אַמאָל, מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, האָט דער „בית לחם" געגעבען וויינינער

עקיבא פויגעל

נאך א יודישער קרבן...

(נאוועלע)

(סוף).

ער איז גאנצע נאכט נישט געשלאפען און איינמאל נאך א שלאפלאזער נאכט האט ער זיך געשטעלט פאר זיין מוטער און געזאגט:

— איך האב די נאכט געפאסט א בעשלוס, פון וועלכען דו וועסט בעשטימט האבען עגמת נפש אבער פון וועלכען איך וועל יעדאך פאר קיין פאל נישט אבטרעטען: איך פאהר קיין א"י. די מוטער איז שרעקליך בלאס געווארען, ווייל זי האט גוט געקאנט איהר בן-יחיד'ל, וועלכער טרעט נישט אזוי גרינג אב פון זיין'ס א בעשלוס. דאך האט זי אנגעהויבען מיט איהם איינטענה'ן און געבען צו פערשטעהן, אז נישט שטענדיג וועט אזוי בלייבען, ווי היינט; אז עס וועט בעשטימט בעסער ווערען און — זי האט געוואוסט, אז דאס איז דאס בעסטע געוועהר — וואו וועט זי דא אליין בלייבען קראנק און שוואך.

יוסל האט לענגער נישט געקענט אויסהאלטען. ער איז אויסגעבראכען אין א שרעקליך-ספאזמאטישען געוויין:

— מאמע — האט ער געזאגט — ווען נישט דאס, וואס כ'ווייס, דאס כ'וועל מוזען דערווייל דיך דא איבערלאזען, וואלט איך שוין לאנג געפאהרען. נאר כ'שווער דיר, מאמע, ביים הייליגען זכרון פון מיין פערשטארבענעם פאטער, אז איך וועל נישט רוהען טאג און נאכט, ביז כ'וועל דיך אויך קיין א"י אהיננעמען. פערשטעה מיך, מאמע, איך קאן שוין לענגער דא נישט אויסהאלטען. איך שטיק מיך. מיין ווירדע ווערט אויף יעדען שריט געטרעטען און בעשפיגען. איך האב מורא פאר אנ'אונבערעכענטען שריט פון מיין זייט. איך פיהל, אז כ'וועל עס נישט איבערהאלטען...

יוסל איז ווידער אויסגעבראכען אין א געוויין. די מוטער האט נאך לאנגע טענות איינגעזעהען, אז זי וועט גארנישט פועל'ן ביי יוסל'ען און האט — ווילענדיג נישט ווילענדיג — איינגעשטימט צו יוסל'ס פלאן.

דאן האט יוסל שוין רוהיג געמאהלען פאר זיין מוטער זייער צוקונפט אין א"י, וואו זיי וועלען לעבען ווי מענשען און נישט ווי קנעכט.

— שטעל דיר פאר, מאמע: איך וועל טרעטען אויף ערד, וואס געהער צו אונז. עס וועט מיך ווארימען א יודישע זון, א יודישער ווינד וועט מיין פנים גלעטען; יודישע פייגיל וועלען מיך צום שלאף וויגען און יודיש וואסער וועט מיין דורשט לעשען. אלץ ארום וועט זיין יודיש, אונזער, מיין, דיינ'ס... קיינער וועט קיין רעכט האבען מיר צו זאגען: ארויס פון דאנען... און אויב ס'וועט מיר אויסקומען צו קעמפען, וועל איך קעמפען, ווי א גלייכער מיט א גלייכען. נישט אזוי, ווי דא, וואו איך מוז מיט א שמייכעל אויף די ליפען און א צוזעצענדען וויטאג אין הארצען אויפנעמען יעדע דערנידערונג און בעליידיגונג, אויב איך וויל נישט שטעלען אין געפאהר דאס לעבען פון מיינע ברידער און שוועסטער. מאמע! אויב עס איז מיר נאך אויפגעלייגט א גליקליכען מאמענט צו איבערלעבען, וועט עס זיין דאמאלס, ווען מיר וועלען זיך ווידער צוזאמענטרעפען אין אונזער פאטערלאנד...

יוסל האט גערעדט מיט אזא פאטאס, ווי ער וואלט פאר א סך מענשען א רעדע געהאלטען. זיינע צוויי גרויסע, שעהנע, פון טרעהרען אויסגעוואשענע אויגען האבען געווארפען פייערן, ווי צוויי ריזיגע ווערטפולע ברילאנטען.

נאך לאנגע און שווערע ליידען, וואס יוסל האט דורכגעמאכט, ביז עס איז איהם ענדליך געלונגען צו בעקומען א סערטיפיקאט, איז יוסל אבגעפאהרען נאך א"י.

ווען ער דערמאנט זיך נאך היינט די סצענע אויפ'ן באהנהויף, ווען ער האט זיך געזעגענט מיט זיין אלטער מוטער, געהט נאך איהם יעצט א שוידער איבער זיין קערפער אריבער. לאנג און קאנוואולסיוו האט איהם די מוטער אין איהרע שוין שוואכע ארעמס געהאלטען, ווי זי וואלט איהם פון א זיכער אומגליק געוואלט בעהיטען... עס איז איהר קוים געלונגען מיט א פערשטיקטע און ציטערענדע שטימע ארויסצושטאמלען אפאר געצעהלטע ווערטער:

— פאהר געזונטערהייט און בעמיה זיך, אז מיר זאלען זיך וואס שנעלער ווידער צוזאמענטרעפען... שרייב יעדען טאג, ווייל... ווייל... איך......

א שטראם זודיגע טרעהרען האט זיך א לאז געטהון פון איהרע פערטריקענטע אויגען, ווי א שטורמדיגער מיטרייסענדער טייך וואלט אדורכגעריסען זיינע קינסטליך-אויפגעשטעלטע טאמעס. מעהר קיין ווארט האבען זיי שוין מיט זיך נישט גערעדט, ווייל אין דער זעלבער מינוט איז אנגעקומען דער שווער-סאפענדער צוג מיט זיין גאווה'דיג פערריסענעם לאקאמאטיוו, וועלכער האט ווי חוזק געמאכט פון מוטערליכע טרעהרען און זוהנישע געריהרטקייט, און מיטגענומען מיט זיך יוסל'ען אויפ'ן וועג קיין א"י.

יוסל איז געשטאנען ביים פענסטער פון צוג און געזעהען, ווי ער דערווייטערט זיך איינציגוויז פון זיין אין דרייען-געבויגענער מוטער, ביז ער האט זי אינגאנצען פערלוירען פון זיין הארייזאנט. אין זיין הארץ האט זיך ווי עפיס אבגעריסען. אין דער דאזיגער מינוט וואלט ער אלץ אין דער וועלט אוועקגעגעבען, די גרעסטע יסורים זיך געלאזט אנטהון, כדי צו קאנען לינדערן די שמערצען פון זיין איינציגער הייסגעליבטער מוטער.

יוסל ווארפט זיך אין בעט ווי ער וואלט די מינוט זיין מוטער געזעגענט...

ער ערינערט זיך ווייטער, ווי ער איז אנגעקומען נאך א"י. זיינע ערשטע איינדרוקען פונ'ם הייליגען לאנד. ער געדענקט, או ווען נישט דאס, וואס מ'וואלט איהם פאר א משוגע'נעם געהאלטען, וואלט ער צו יעדען געטראפענעם מענש צוגעלאפען און געקושט און געהאלדז איהם. ער איז געווען איבערגליקליך.

דערנאך זענען אנגעקומען טעג הארטע, פראזאאישע. יוסל האט געזוכט ארבייט גאנצע וואכענס און נישט געפונען, דאס ביסעל מיטגענומענע געלד איז איינגעשרימפען געווארען פון טאג צו טאג. געוועזען שוין מאמענטען, ווען ער איז פול געווארען מיט פערצווייפלונג. „וואס וועט זיין סוף זיין"?-האט ער זיך געטראכט. „אפשר האט ער נישט געדארפט פערלאזען זיין מוטער און דא אהערקומען?". אבער אין די דאזיגע מאמענטען האט זיך פאר יוסל'ן בעוויזען דאס בילד פון דאמאלסדיגען זומערדיגען אוונד. ווען ער איז געלעגען אויף דער ערד א צושלאגענער און אינ'ם פענסטער זענען געשטאנען וואלדעק און זיין פאטער און הילכיג געלאכט... אלע ספקות זענען ווי צורינען.

נאך לאנגע זוכעניש האט יוסל ענדליך געפונען ארבייט אין א קאלאניע נישט ווייט פון חיפה. ער האט געארבייט מיט איבערמענשליכען פלייס; נישט אדורכגעלאזט קיין שום געלעגענהייט, וואו ס'איז מעגליך געוועזען עפיס וואס צו פערדינען. נאך 7 חדשים פלייסיגע ארבייט האט ער איבערגעשיקט זיין מוטער א גרעסערע סומע געלד און בעקומען פאר איהר אנ'איינרייזע ערלויבניש נאך א"י. מארגען זאל זי טאקי אהערקומען.

פון דעם דאזיגען געדאנק ציטערט יוסל אינגאנצען אויף. עפיס א מאדנע געפיהל בעהערשט זיין וועזען. צי זאל דאס זיין אנ'אויסדרוק פון זיין אויסערגעוועהנליכער פרייד? אבער וואס איז דאס סארע מאסע, וואס דריקט אזוי זיין הארץ? פונוואנען נעמען זיך אויף זיין שטערן די גרויסע טראפענס שווייס? פארוואס לויפט אזוי זיין פולס, ווי ער וואלט מורא געהאט עפיס וואס צו פערשפעטיגען?... אין זאך פיהלט ער דייטליך: ער וואלט שוין געוואלט, אז זיין מוטער זאל זיין מיט איהם צוזאמען, אזוי לאנג האט ער געדולדיג געווארט אין די עטליכע שעה, וואס טיילען זיי פונאנדער, קומען איהם פאר, ווי אנ'אייביגקייט; דער קליינער מרחק, וואס צושיידט זיי קומט איהם פאר, ווי א תהום. עס ווארפט אויף איהם אן אנ'אימה...

נאך לאנגע ראנגלעניש האט ענדליך מארפעאוס בעזיגט יוסל'ן און ארונטערגענומען איהם אונטער זיין ברכה'פולער מאכט: יוסל איז איינגעשלאפען.

די א"י-זון האט זיך שוין בעוויזען אין איהר גאנצער פראכט. א קיהל ווינטעל בלאזט און לאשטשעט, ווי עס וואלט געוואלט אבוואשען די אינטענסיוויטעט פון די זון-שטראהלען. יוסל כאפט זיך אויף, ווי עמיץ וואלט איהם אבגעבריהט. גיך שפרינגט ער ארונטער פון בעט און גרייט זיך צו אין וועג אריין קיין חיפה. 8 געהט אב דער אויטאבוס. יוסל האט אבער נישט קיין געדולד אזוי לאנג צו ווארטען. עס יאגט איהם עפיס אנ'אינערליכער כוח...

נישט לאנג געדויערט עס און יוסל זיצט שוין אויף זיין ראווער, פאהרט פערביי די קאלאניעס-הייזלעך, ווי עס הויבט זיך שוין אן דער אינדערפריה-הארמידער. עטליכע מינוט שפעטער געפינט ער זיך שוין אויף דעם ברייטען, אספאלטירטען וועג, וואס פיהרט פון זיין קאלאניע אין דער פארשטאדט חיפה.

די רעדער פון זיין ראווער דרעהען זיך וואס אמאל געשווינדער. עס לויפען געשיקט פערביי פאר זיינע אויגען אראבישע פרימיטיווע הייזלעך, עלעקטרישע סלופעס, פרדסים און פעלדער. טאהלען און בערגלעך. עס בעהערשען איהם פערשידענע געדאנקען און געפיהלען און פון זיי אלע, אזוי ווי א הויכער ליכט-טורם, טיילט זיך ארויס איין געדאנק, איין בעגעהר: וואס געשווינדער זיך אין חיפה צו געפונען...

דער ווינד האט זיך גענומען גארנישט אויף קאטאוועס מיט איהם קעמפען. וואס מעהר יוסל שטרענגט זיך אן, אלס העפטיגער ווערט דער ווידערשטאנד פונ'ם ווינד. צי וויל ער נישט דערלאזען, אז מוטער און זוהן זאלען זיך ווידער צוזאמענטרעפען?...

יוסל שטרענגט אן אלע איבערגעבליבענע כחות און פערשנעלערט דעם לויף פון זיין ראווער. ער זעהט יעצט זיין מוטער, ווי זי וואלט פאר איהם געשטאנען: איהרע טיפע, בלאהע, גוטע אויגען; די ברייטע פאלדען אויף איהר הויכן שטערן; די בלאסע אין איידעלע באקען. עס דאכט זיך איהם, ווי זי וואלט אויף איהם געקוקט יעצט פונקט אזוי ווי דאמאלס, ווען ער איז געשטאנען אין צוג און זיין מוטער אויפ'ן באהן-הויף און דער צוג האט אנגעהויבען צו דערווייטערען איהם פון איהר... איהרע אויגען האבען דאמאלס ארויסגעדריקט גרעניצלאזען צער, דערשטיקטען וויטאג, איינגעהאלטענע טרעהרען...

פון די דאזיגע געדאנקען גיט זיך יוסל'ן אזוש א מיש אין קאפ...

פלוצלינג — האט א שרעקליכער זעץ אויפגעטרייסעלט די לופט, ווי די בערג ארום וואלטען זיך פון זייערע ערטער אבגעריסען... יוסל האט געפיהלט, אז עפיס אויסטערלישעס איז געשעהן... עס האט זיך איהם געדאכטען, ווי ער וואלט אין אנ'אונענדליכען אבגרונד געווארפען געווארען... פייערדיגע רעדער האבען איהם אנגעהויבען פאר די אויגען זיך דרעהען... א דערדריקענדע שווערקייט האט זיין קערפער בעהערשט...

ער האט געפרובט א ריהר צו טהון מיט זיין האנד: א שרעקליכער וויטאג האט א ריס געטהון זיין וועזען... פלוצלינג — האט א קאלטער שווייס זיך איבער זיין קערפער צוגאסען: ער האט אלעס פערשטאנען.....

ווען מענשען זענען צוגעקומען צום ארט, וואו יוסל איז געלעגען, האבען זיי נאך געהערט, ווי פון זיין מויל האט זיך צוזאמען מיט שטראמען בלוט ארויסגעכארכעלט: מא...מא... מא...מע...

— — — — — — — — — — —

צומארגענס האט דער טעלעגראף צוטראגען איבער דער וועלט א ידיעה:

דעם נעכטיגען טאג איז צוגעקומען נאך א יודישער קרבן אין א"י. אויפ'ן וועג קיין חיפה האט אנ'אראבער געווארפען א באמבע אויף א פערבייפאהרענדען יודישען ארבייטער און איהם דער'הרג'עט. דער קדוש שטאמט פון פוילען. ער איז אלט געוועזען 20 יאהר. דעם זעלבען טאג איז זיין מוטער געקומען צו פאהרען נאך א"י. די מערדער האט מען נישט געכאפט.

פעקלעך און זיי זענען שטענדיג געווען פערחיוב'ט. היינט אבער גיבען זיי מעהר און האבען כמעט אינגאנצען נישט קיין חובות. דאס איז א דאנק דעם, וואס דער „בית-לחם" קאמיטעט פיהרט איצט א ראציאנעלע ווירטשאפט און דערפאר טאקי זענען זיי ווערט א שבח.

אויף פסח האבען זיי צוטיילט פעקלעך פאר קנאפע 500 פאמיליעס און אויף שבועות האבען זיי אויך צוטיילט ביז 400 פעקלעך.

איך בין געווען ביי דער פערטיילונג, געזעהען די מחנות ארימע בכבודיגע יודען, וועלכע האבען מיט דאנקבארקייט גענומען די דאזיגע מתנות, האבענדיג די מעגליכקייט צו געניסען פון א ביסעל שפייז אויף יום-טוב.

די עסקנים פון „בית-לחם", איבערהויפט די אונערמידליכע טהוער, די ה"ה גיטלער, וועקסטיין און אנדערע זענען ווערט א שבח.

א צו קנאפע טרייסט...

א שמחה, א גדולה. וואס איז ס'איז געווען א פאר-יום-טוב און מען האט נישט געזעהען קיין פיקעטען פאר די יודישע געוועלבער.

די יודישע סוחרים אבער זענען דערפון נישט אזוי איבערגליקליך, ווייל: ערשטענס, דערמאנען זיי זיך, אז טאקי פאר פסח, ווען די פיקעטען האבען פיקעטעוועט, האבען די יודישע סוחרים יא געלייזט; צווייטענס איז די יודישע לאגע אזוי ביטער און דאס פערפעסטען זיך פון „אזאן" געגען דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען יאגט ארויף א מרה שחורה, אז עס נעמט צו דעם מוט זיך וועגען עפיס צו פרעהען.

אנ'אנדערע זאך איז, אז די פוילישע סוחרים, וועלכע האבען געדינגען די פיקעטניקעס, האבען איינגעזעהען, אז ס'קאסט זיי מעהר אויסגאבען, וויפיעל זיי האבען געהאט ריוח (אמבעסטען האט עס בעוויזען די פאר פסח'דיגע פיקעטען-אקציע) און דאס טאקי איז געווען די הויפט-סיבה, פארוואס אויף שבועות זענען קיין פיקעטען אינגאנצען נישט געווען. פרעהען זיך אבער דערמיט, לוינט נישט ווייל — עס איז א צו קנאפע טרייסט...

זיי וועקען האפנונג און בטחון...

זיי האבען א טראדיציע, די גוט-שבת-יודעלעך, דעם ערשטען טאג שבועות נאכמיטאג זיך משמח צו זיין ביי א גלעזיל ביער און צומארגענס, ד. ה. דעם צווייטען טאג שבועות דאווענען זיי בצבור און מאכען א קידוש.

ביי דער דאזיגער מסובה, אין וועלכער עס נעמען אנטייל די מיטארבייטער פון „תומכי עניים" — אט די אויסגעהארעוועטע „עמך"-יודען, וועלכע זענען א גאנץ יאהר פערנומען מיט'ן פערדינען בזעת אפם א שטיקעל טריקען ברויט און דעם איינציגען שבת לויפען זיי ארום איבער די הויפען, שרייענדיג: „גוט שבת, יודעלעך"! — טרינקען זיי נישט גאר בלויז ביער, גאר הערען אויך דברי-תורה, וועלכע עס זאגט זיי לייזער יאקובאוויטש.

מערקווירדיג, ווי ביי די דאזיגע יודען ווערט מיט איינמאל פערשוואונדען די זארג פון פנים, זייערע טריבע, פער'מרה-שחורה'דיגע אויגען בעקומען א גלאנץ און זיי מאכען דעם איינדרוק, אזוי ווי די שכינה וואלט אויף זיי גערוהט. פון מינוט צו מינוט שטייגט ביי זיי די חדוה, די שמחה שפארט ארויס פון זייער הארצען און באלד נעמט מען זיך מאכען א רקידה'לע און דאס טאנצען ווערט וואס אמאל אלץ שטארקער און הייסער, אזוי אז מען פיהלט בחוש, אז די פערחושכ'טע יודען ווערען אויסגעטהון פון זייערע טאג-טעגליכע דאגות פרנסה און זייער נשמה הויבט זיך אויף ביז דער העכסטער הויך.

קיינער פון די דאזיגע יודען האט זיך נישט אנגעשיפורט, מען האט זיך אויך נישט געקריגט ווי ס'פיהרט זיך ביי נישט יודען, נאר אין דער לופט האט געשוועבט שלום, אחדות, ברידערליכקייט און ליעבע. אקסעל צו אקסעל געשלאסען האט מען געטאנצט, געהאפעט, ביז איינער האט א געשריי געגעבען: רבותי, הגיע זמן של ערבית — מען דארף דאווענען מעריב! דאן ערשט האט מען זיך אנגעהויבען איינציגוויז פונאנדערצוגעהן, כדי צומארגענס אינדערפריה צו קאנען קומען צום דאווענען און פערענדיגען דעם יום טוב מיט א קידוש.

פארוואס די דאזיגע „תומכי עניים" יודעלעך האבען אויסגעקליבען פונקט שבועות צו מאכען זייער טראדיציאנעלען יום טוב — ווייס איך נישט. מען זאגט. אז דאס איז נאך א תקנה פון דעם גרינדער ר' עמנואלקע ווייצמאן ז"ל. א פאקט איז אבער, אז יום טוב שבועות ווערט ביי די „גוט שבת יודעלעך" פערוואנדעלט אין א גרויסען, גרויסען יום טוב, וועלכען זיי פייערען מיט דער גאנצער קראפט פון זייער נשמה.

ווען מען זעהט, ווי אזוי די דאזיגע פשוט'ע יודען פרעהען זיך מיט אמת'דיגער שכינה'דיגער התלהבות, ווערט מען אליין אויך בעהויכט מיט פרייד, וואס ווארימט די לעצטענס געפרוירענע נשמה און גיט אריין מוט און בטחון, אז די קאלטע, טרויעריגע טעג וועלען פערשווינדען און אויף זייער ארט וועלען קומען שענערע, בעסערע, ליכטיגערע טעג.

„מיר קומען אן"...

מען מוז זאגען צום שבח דעם אויפטהו פון דעם היגען ארבייטער-ספארט קלוב „מארגענשטערן", וועלכער טהוט א זעהר נוצליכע ארבייט דערמיט, וואס ער בילדעט אויס יונגע ארבייטער און ארבייטערינס אלס ספארטלער.

מען מוז דאך נישט כסדר האלטען אין איין ארײנלערנען מיט זיי פרקים פון קלאסען-קאמף, ווייל אפילו צו פיהרען פראפעסיאנעלע ארבייט, מוז מען אויך און דאס קודם-כל — זיין געזונד.

פ'וויל נישט איצט נעמען קיין ווארט וועגען דער פראגע, צי עס וואלט נישט בעסער געווען, ווען אין טשענסטאכאוו איז פערהאן איין גרויסע געמיינזאמע ספארט געזעלשאפט, צי עס איז גאר גלייכער, אז עס זענען פערהאן א סך יודישע ספארט-געזעלשאפטען — צוליב קנאת סופרים א. ז. וו. נאר אויב עס זענען פערהאנען אינסטיטוציעס, וועלכע פערנעמען זיך מיט'ן אויפגלייכען יודישע רוקענס, איז עס שוין א גרויסע מעלה.

אין דער הינזיכט טהוט „מארגענשטערן" א זעהר גוטע ארבייט, ווייל ווער-ווער, נאר יודישע ארבייטער און ארבייטערינס נויטיגען זיך בעשטימט אין געזונטע מוסקולען און גלייכע ריקענס.

די אימפרעזע, וואס דער „מארגענשטערן" האט איינגעארדענט דעם לעצטען טאג יום-טוב שוין צום צווייטען מאל אין זאל פון די פייערלעשער, האט עס אמבעסטען בעוויזען. אויף דער ביהנע האבען זיך אויסגעשטעלט עטליכע צענדלינג יודישע יונגע ארבייטער און ארבייטערינס, ווי אויך א גרופע קינדער, וועלכע האבען זעהר שעהן אויסגעפיהרט די לייכט-אטלעטישע איבונגען- ווי אויך פיראמידען.

דער אנפיהרער פון ספארט איז דער בעוואוסטער אינסטרוקטאר ה' קראקאוויאק, וועלכער האט ממש בעוויזען וואונדער אין משך פון עטליכע קליינע וואכען אוועקצושטעלען אזא שעהנע אויסגעאיבטע ספארטלער-גרופע. אבער נישט וועגען דעם איז איצט די רייד, דער פאקט בלויז, וואס א פאליטישע ארבייטער-ארגאניזאציע פערנעמט זיך אויך מיט ספארט, איז א פאזיטיווע ערשיינונג, וואס איז ווערט בעגריסט צו ווערען.

„מיר קומען אן" האט געקלינגען הויך און מוטיג דאס ליעד, וואס איז געזונגען געווארען דורך די אריינמארשירענדע ספארטלער און עס האט זיך טאקי זעהר צוגעפאסט צו דער אומגעבונג — ווייל —

„מיר קומען אן"...

ס'זאלען אונז געזאגט ווערען בעסערע בשורות.

די היגע ענדעקעס זענען דורך א פלוג-בלעטיל מבשר די בשורה, אז היות ווי טשענסטאכאוו איז א קריסטליכע שטאדט און לויט דער ענדעקישער אויפפאסונג איז א מצוה צו ענטיודישען דעם האנדעל, וועלען זיי או דעם צוועק ארויסגעבען א ספעציעלע אויסגאבע פון דער ריין-קריסטליכער „א. בע. צע." פאר טשענסטאכאוו.

וויניג האס, וויניג שנאה, זייהט מען אין דער „אבעצע", וועלכע געהט ארויס אין ווארשא, הויבען זיי אן ארויסצוגעבען א ספעציעלע אויסגאבע פאר טשענסטאכאוו, כדי אויפצוקלערען דעם היגען עולם און זיי אנווייזען, וואס עס איז מותר און וואס עס איז אסור.

נישטא וואס צו רעדען, עס איז א בשורה טובה פאר די טשענסטאכאווער יודען, פונדעסטוועגען וואלט איך געווינשען, אז עס זאלען אונז געזאגט ווערען בעסערע בשורות...

לויתן

PRACUJ

ZARABIAJ

OSZCZĘDZAJ

ארבייט

פערדין

שפאר

WKŁADY PRZYJMUJE POCZYNAJĄC OD 1 ZŁ.

וקלאַדען ווערען אנ=גענומען פון 1 זל. אן

BANK SPÓŁDZIELCZY PRZEMYSŁOWCÓW i KUPCÓW

Z OGR. ODP.

W CZĘSTOCHOWIE, UL. MARJI PANNY 22. (DOM WŁASNY).

יוסף באראַץ, (דגניה)

א „יאָהרצייט“ טאָג אין גליל

עס איז געוואָרען א יאָהר זינט אין יבנאל זענען ערמאָרדעט געוואָרען די דריי פיאָנערען.

אויף דעם פלאַץ, וואו ס'איז פערגאָסען געוואָרען דאָס בלוט פון די דריי, זענען מיר, גליל'ער, זיך צוזאַמענגעקומען צו לעגען דעם פונדאַמענט פון א קולטור הויז צו זייער אנדענק.

דער פלאַץ געפינט זיך אין טאָל. אָרום און אָרום זעהט מען ברייטע באָדען-שטחים, צעהנדליגער טויזענדער דונאָמען; גוטע און פרוכטבאָרע ערד מיט א סך וואַסער; א שאָסע פערבינדעט די דאָזיגע קאָלאָניע דורך טבריה—מיט חיפה און דמשק.

פיעל האבען, ווי איך אין דעם מאָמענט געטראַכט: פאַרוואָס זענען יבנאל און בית-גן אין דעם דאָזיגען גרויסען באָדען שטח? פאַרוואָס זענען נאָקעט די בערג אָרום צום דרום, צפון און מזרח? האבען דאָ די יודען ווייניג באָדען און וויפיעל באָדען קאָן מען דאָ נאָך ערווערבען?

אָט אזוי האבען געטראַכט די אלע, וועלכע קענען דעם גליל נישט פון נעכטען, וועלכע האבען וועגען איהם ערינערונגען פון א שווערער און דראַמאַטישער פערגאנגענהייט פון 25—30 יאהר צוריק, ווען יעדעס בערגעל און יעדע סטשיעשקע אין גליל דערצעהלען וועגען קאַמף פון די איינזאַמע פיאָנערען זייט דריי און פיער צעהנדליג יאהרען פאַר דעם קיום פון א יודישער לאנדווירטשאַפט, פאַר אָבהיטען די גרעניצען, פאַר'ן שוץ פון יודישער ווירדע. און די דאָזיגע פראַגע בעלאַנגט נישט בלויז יבניאל און נישט בלויז דעם גליל התחתון, נאָר דעם גאנצען צפון-טייל פון לאַנד, דערהויפט דעם גליל-העליון.

פון טבריה קיין מטולה פאהרט מען היינט אויף א בלישטשענדען אַספאַלט-שאָסע. די רייזע אין אַנ'אויטאָמאָביל איז זעהר א שנעלע, און דער גאנצער גליל זעהט אונז אויס ווי א שמאָלער פאַס מיט דעם חולה זומפ אין מזרח און א קייט פון בערג אין מערב, וועלכע פערשטעלען דאס בילד פון דעם גליל אין זיין גאנצען פערנעהם. ביז די לעצטע יאהרען האבען מיר נישט געקענט דעם גאנצען גליל-העליון, וועלכער שפרייט זיך אויס ביז דעם מיטעללענדישען ים אין מערב, די באָדען-שטחים פון יענער זייט כפר-גלעדי, און נישט די לענדערייען, וועלכע רינגלען אָרום די מי-מרום אין מזרח.

מיר האבען געזעהען בלויז די גליל'ער איינזאַמע ישובים, וועלכע האבען אין זייער אָבגעזונדערטען ווינקעל זיך געפלאָגט אין עקאָנאָמישען און געזעלשאפטליכען דלות. מיר האבען נישט געזאָרגט צו ענדערען זייער צושטאנד, צו ערווערבען באָדען אָרום זיי פאַר א נעץ פון נייע יודישע ישובים, וועלכע וואָלטען געקענט אויסברייטערען די גרעניצען פון אונזער לאַנד.

מיר האבען געהייליגט דעם אנדענק פון תל-חי, מיר האבען זיך בעגנוגענט מיט אויפשטעלען טרומפעלדאָרען און זיינע חברים א שטיינערנע מצבה, און מיר האבען נישט געפאָלגט דעם רוף פון תל חי'ער העלדען און זייער בעפעהל אין יענע טעג, וואס נאָר ער האט בעקרעכטיגט זייער העלדישע פערטיידיגונג, זייער לעצטען קרבן: דערלייזען דעם גליל, ערווערבען דעם באָדען, שאַפען גרעניץ-וואַכען אין דער לענג און אין דער ברייט. בלויז איצט האבען מיר זיך אָרומגעזעהען אויף אונזער דאָזיגען פעהלער. ערשט איצט זוכען מיר איהם צו פערריכטען.

דער קרן-קימת האט אויף זיך גענומען אויסצולייזען דעם גליל. הונדערטער חלוצים האבען אויף זיך גענומען צו בעזעצען דעם ערוואָרבענעם באָדען און איהם בעפרוכפערן מיט זייער שווייס און בלוט.

דער ערשטער שריט איז שוין געמאכט געוואָרען, און ער האט אונז פערשאַפט גרויסע עהרע. ער האט ערוועקט פיאָנערישע געפיהלען. אמת'ע עלית נשמה אין גאנצען לאנד. דער טאג פון בעזעצען חניתה איז געווען א קוואַל פון ערמונטערונג פאַר דעם גאנצען יודישען ישוב אין לאַנד, און ער דאַרף דינען אלס סיגנאַל פאַר דער גאנצער ציוניסטישער בעוועגונג אין גלות, ווייל די צייט איז קורץ. מען טאָר נישט פאַרטוזצען די ערלייזונג פון אונזער לאנד מיט דעם זעלבען לאַנגזאַמען טעמפאָ ווי ביז איצט. יעדער באָדען-שטח, וועלכער ווערט ערוואָרבען אין גליל בעשטימט די גרעניצען פון אונזער לאנד און איהר צוקונפט.

ווען מיר פערשטעהן און וויסען ווי אזוי אויפצונוצען די פיעל מעגליכקייטען, וועלכע מיר האבען בעקומען גראָד, אין איצטיגען מאָמענט אויסצולייזען דעם גליל?

אַלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גמילת חסד קאַסע, אַגראַדאָווע 6.

זונטאג, דעם 12 ד. ח. ווערט אין אייגענעם לאָקאַל, אַגראַדאָווע 6, פאַרקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גמילת-חסד-קאַסע מיט'ן געהעריגען טאָג-אָרדנונג.

אַלע מיטגלידער ווערען די ענטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע איז טייער דאַרף אונבעדינגט זיין אנוועזענד אויף דער אלגעמיינער פערזאַמלונג.

„אין אַ פריהלינגס - נאַכט“

די קינדער פון וויינשטאָק'ס - שולע פיהרען אויף א פרעכטיגע פאָרשטעלונג א.נ. „אין א פריהלינגס-נאַכט“.

די פאָרשטעלונג ווערט אויפגעפיהרט דעם קומענדען זונטאג האלב 12 פאַרמיטאג אין זאַל פון „אַטלאַנטיק“.

דאָס פייערליכע צוטיילען פון די מאַטורעס אין יודישען גימנאזיום

קומט פאַר זונטאג, דעם 12 ד. ח. האלב 6 א זייגער נאכמיטאג אין אייגענעם שול בנין אויף יאַטנאַגורסקא 8-10.

די עלטערן פון די מאַטוריסטען און סימפאטיקער פון גימנאזיום ווערען געבעטען צו קומען צאָהלרייך.

דעם 12 ד. ח. — דער יום-טוב פון היגען פיעכאַטע-פולק

דער לייטער און אָפיצירען קאָרפוס, פון היגען פיעכאָטע פולק זענען מודיע, אז דער הייריגער יום טוב פון פולק, וואס פאלט אויס דעם 15-טען יוני ווערט געפייערט ווערען אינערהאַלב פון פולק דעם 12 ד.ח. קיין איינלאַדונגען וועלען נישט ארויסגעשיקט ווערען.

טעאטער=נאָטיצען

זיגמונט טורקאָוו אין דער פיעסע „ביי פערמאַכטע טהירען“.

לויט דעם קלינגענדען נאָמען פון דער פיעסע, וואָלט מען אין פלוג געקענט מיינען, אָז די זאָך שפיעלט זיך אָב ביים גרינעם טיש פון פערמאכטע טהירען, וואו די פערהאַנדלונגען קענען נישט פאַרקומען עפענטליך, כדי די דרויסענדיגע וועלט, דער ברייטער עולם זאָל זיך נישט דערוויסען, וואס דאָרט ווערט אלץ גערעדט, כדי די זייטיגע מענשען זאָלען נישט זיין קיין עדות פון גרויל-סצענעס, פון אזעלכע ווידוי'ס און קיצעלדיגע דיאַלאָגען, ביי וועלכע ס'בלוט ווערט טיילמאָל געגליווערט אויסהערענדיג דאָס.

אין דער אויבענדערמאנטער פיעסע איז דאס בכלל נישט געווען. שווער צו פערשטעהן, פאַרוואס דער מחבר האט די זאך א נאָמען געגעבען „ביי פערמאכטע טהירען“. ס'האט גאנץ גרייליך געקענט זיין נישט נאָר ביי אָפענע טהירען, נאר אפילו ביי אויפגעפראלטע טהירען. דער אינהאָלט, די אָקציע פון דער זאָך, וואו אָ כלומרש'ט געטרייע ליבענדע פרוי נאָרט אָב אויף אָ העסליכען אופן דעם מאָן און אין די פרייע שעה'ן גיט זי זיך אָב פאַר געלד אָנדערע—אָזעלכע זאַכען געשעהן היינט אויך אין די קלענערע פראָווינץ-שטעדט און זיי איבעראַשען שוין נישט קיינעם.

די פיעסע אַלס גאַנצעס איז שוואַך און בלאָס, סיי לויט'ן אינהאָלט און סיי לויט דער קאָנסטרוקציע. דאס איז אָ טאָנדעטנע שטיקעל אָרבייט; דאס זענען ברעקלעך גענומען צו ביסלעך פון דאָ און דאָרט און געמאָכט דערפון אָ זאָך. די פרוי, אָרום וועלכער די גאַנצע פיעסע דרייט זיך, איז אויך נישט קיין קאָנקרעטער טיפ פון דעם מין פרויען, וואס יעדע פון זיי ווייס צוליעב וואס זיי טהוען דאס: צוליעב נויט, צוליעב זייטיגער ליבע, וועלכע דער מאָן קאָן איהר נישט בעפרידיגען, אָדער אפילו צוליעב לוקסוס, אבער קיינמאָל דאָמינירען נישט גלייכצייטיג די לעצטע צוויי מאָמענטען, ווי דאס האט פלאַץ דאָ. דערפאר טאָקי קומען די דיאַלאָגען ארויס צעשוואומען, נישט רעאָל; דערפאר קומט די פרוי אונז אויס אונפערשטענדליך, ווייל אינ'ם דיאַלאָג מיט'ן קאָמיסאָר פון דער זיטען-פאָליציי ערקלערט זי, ווייַנט, ספּאָזמירט, אָז זי האט דאס געטהון צוליעב נויט און בעט'ן שמועס מיט'ן מאָן ווייזט זיך אָרויס, אָז זיין בעאַמטען-פענסיע סטאַיעט איהר נישט אויף אויסצוהאַלטען אָ שעהנע קאָמפאָרטפולע 4-צימערדיגע וואוינונג מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען, טעלעפאָן, לוקסוס-קליידער און דערפאָר מוז זי זיך אויסזוכען אויף דעם וועג נעבען-פרנסות. ווען זי וויינט, בעט זיך ביים מאָן, אָז ער זאָל איהר מוחל זיין, עס חעט שוין זיין דאס לעצטע מאָל, איבערצייגט זי קיינעם נישט, ווייל די האַנדלונג פון דער זאָך גופא איז אומגעלומפערט, פסיכאָלאָגיש גענצליך נישט אויסגעהאַלטען.

. . .

אויב מיר האבען געמאכט די קליינע בעמערקונגען, איז עס נאָר דערפאָר, ווייל די פיעסע האט געשפילט און רעזשיסירט זיגמונט טורקאָוו. צו אָנ'אָנדערן וואָלט מען אפשר נישט ארויסגערוקט אזעלכע בעוואָרענישען, ווייל מען איז שוין צוגעוואוינט דערצו, אז מען זאָל אויף דער פראָווינץ אראָבקומען מיט א זאָך, וואס ווערט געמאכט אויפ'ן שפרונג. זיגמונט טורקאָוו טאָר און דאָרף עס אָבער נישט טהון צוליב זיין פערזענליכען פרעסטיזש בכלל און בפרט צוליב'ן גוטען נאמען פונ'ם בעסערן יודישען טעאטער, נועלכעס האט זיך שוין מיט גרויס מיה און אנשטרענגונג אדורכגעהאַקט א וועג צום יודישען אינטעליגענט און אין א געוויסער מאָס אויך צו דער אָסימילירטער אינטעליגענץ. דאס דאָרף מען און מיר ווילען דאס אָבהיטען. מיט אזעלכע עקספערימענטען, ווי ס'איז געווען דער לעצטער, ברענגט דאס נאָר שאָדען דעם בעסערן יודישען טעאָטער.

טורקאָוו געהער צו די געצעהלטע יודישע קינפטלער, דערפאָר טאקי, ווען ער קומט אראָב צו אונז אַמאָל אין א יובל, האט ער געדאַרפט אויסקלויבען אָנ'אַנדערע פיעסע. דאַכט זיך, אז ס'איז פערהאַן פון דעם רעפערטואַר אזא רייכע שפע היינט, אז ס'איז דא פון וואס צו קלויבען.

ביי אונזער גאנצען דרך-ארץ צו אייך און אייער גאָט-געבענשטען טאַלאַנט, חבר זיגמונט טורקאָוו, מוזען מיר אייך זאגען:

אביסעל מעהר אחריות.

. . .

טורקאָוו אין דער ראָל פון אָבגענאַרטען מאָן איז געווען פרעכטיג. אָנ'אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט בכלל נישט געהאָט וואס צו טהון אויף דער ביהנע. מיט זיין שטילען גערויש, מיט זיין מימיק שאַפט ער וואונדער.

פערל אוריך—אלס פרוי איז געווען שוואַך. אביסעל מעהר נשמה, לייכטקייט, געפיהל—וואָלט נישט געשאַדט.

יעקב מאנדעלבליט—זעהר גוט. דאס, וואס ער האט געקענט האט ער אויסגעקנאָטען, מעהר איז נישט געגאַנגען צו טהון.

מ. קויפמא

יושר׳דיגער פּרינציפּ בײַם בעשעפ־טיגען אַרבייטסלאָזע

די אָרטיגע עקספּאָזיטור פֿון אַרבייטס־פאָנד האט אין פֿערשטענדיגונג מיט דער שטאָט־פערוואַלטונג אָנגעוואָנדען היי־יאָהר ביים אָננעמען אַרבייטסלאָזע אויף די שטאָטישע עפענטליכע אַר־בייטען א נייעם פּרינציפּ. עס ווערען גענומען אין אַכט און בעפאַרצוגט די דאזיגע אַרבייטסלאָזע, וואס ערנעהרען א גרעסערע פאַמיליע, אָנהויבענדיג פון א פרוי מיט 8 קינדער. איצט, ווען די צאָהל בעשעפטיגטע אַרבייטסלאָזע איז שוין א גרויסע, איז געקומען די רייה אויף קאַוואַלירען און קינדערלאָזע.

פּלאַן פונאַנדערצונעהמען די שטאָדטישע באַראַקען

די שטאָדט־פערוואלטונג האט אויס־געאַרבייט א פּלאַן פונאַנדערצונעהמען די שטאָדטישע באַראַקען אין סטראַדאָם. אין די דאזיגע באַראַקען וואוינען אַנ׳־ערך 400 פאַמיליעס, וואס צעהלען ביז 2000 פערזאָן. דערפון זענען נאר 140 פאַמיליעס נישט אומשטאַנד, צוליב זייער טרויריגען מצב, צו דינגען וואוי־נונגען און זיי וועלען טאקי אריבער־געטראָגען ווערען אין דער קאָלאָניע פאר היימלאָזע אויף אָלשטינסקא גאס. די איבריגע פאמיליעס וועלען עקסמי־טירט ווערען און זיך אליין דינגען וואוינונגען.

פּייערליכע שול - אַקאַדעמיע

זונטאג, 6 א זייגער אין אָוועגד וועט אין פּייערלעשער־זאַל פאַרקומען א פּייערליכע אַקאַדעמיע, וועלכע ווערט איינגעאָרדענט דורך דער דירעקציע און דורכ׳ן קאָמיטעט צו פערגעזעל־שאַפטליכען ד״ר אַקסער׳ס גימנאַזיום. די דאזיגע אַקאַדעמיע איז פערבונדען מיט׳ן געזעגענען די מאַטוריסטען, וועל־כע האבען געענדיגט יעצט דעם דער־מאנטען לערן־אַנשטאַלט און האבען בעקומען רייף צייגנישען.

די דירעקציע און דאס פּרעזידיום לאדען איין די עלטערן פון די שילער, ווי אויך סימפּאַטיקער פון אַנשטאַלט. בילעטען זענען פריי צו בעקומען אין דער דירעקציע.

די זונטאַג׳דיגע פּייערליכקייטען לכבוד די אויפשטענדיגע פון יאָהר 1863

זונטאג איז געלעגט געוואָרען אין וואָנסאָש דער גרונדשטיין אונטער׳ן דענקמאָל פאר די אויפשטענדיגע פון יאָהר 1863.

אין דער דאָזיגער פּייערליכקייט האבען זיך בעטייליגט וויצע סטאַראָסטא ליבוכאָ, שטאדט־פּרעזידענט שטשאָ־דראָווסקי, מיליטערישע פאַרשטעהער, דעפּ. קאָבילעצקי א.א.

נאָך א גאָטעסדינסט איז דורכ׳ן דאָרטיגען גלח געלעגט געוואָרען דער גרונדשטיין און דאָן זענען פאַרגעלעזען געוואָרען די נעמען פון די געפאַלענע.

אין די נאכמיטאג שעה׳ן איז דורך פאָרשטעהער פון דער מאַכט אָבגענומען געוואָרען די דעפילאַדע און דער אָמאָ־טאָרען קרייז פון די פּייערלעשער האט אָבגעשפּילט די פּאָט יאָטישע פּיעסע

געשאַפען אַנ׳אָבטיילונג פון צ.י.ש.אָ. אין טשענסטאָכאָוו

לעצטענס איז ביי אונז אין שטאדט געגרינדעט געוואָרען אַנ׳אָבטיילונג פון צ.י.ש.א. אין וואַרשע. אויף זער גרינ־דונגס פערזאַמלונג, וואס איז פאַרגעקו־מען מיט עטליכע טעג צוריק איז אויסגעקליבען געוואָרען א פערוואַלטונג, וועלכע האט זיך געשטעלט פאר א ציעל אוועקצושטעלען א ברייטע שול־אַרבייט, ווי: אָנצופיהרען קינדערהיימען, צו עפענען א פאָלקס שול, נאכמיטאג־שול, אָוונט קורסען א. אז. וו. און אין דער ערשטער רייה אבצוריינ׳גען דאס שיל הויז פון די חובות ביי דער ממשות׳ריגער מיטהילף פון דער צ.י.ש.אָ.

די פערוואלטונג פון דער י.ש.אָ.־אָבטיילונג האט זיך קאָנסטיטואירט אויף פאָלגענדען אופן: פאָרזיצער — א. פּ־ץ, וויצע פאָרז. — מ. בערקענשטאַט, סעקרעטאר — י. קויפמאַן, קאסירער — י. באַ־אנאוסקי און הויז־ווירטשאַפטער — וו. פייגע, ביי דער נאַהנטסטער מיט־אַרבייט פונ׳ם פערוואלטער א. בראָם.

——————

די פאריגע וואָך האט זאַ געוויילט

„סטאַמטען", לויט זאַפאָלסקא, וואס האט דעם צושוועער אריבערגעפיהרט אין דער אַטמאָספערע פון דער רעוואָלוציע אין יאָהר 1905.

די צאָהל בעשעפטיגטע אויף די עפענטליכע אַרבייטען

אויף די שטאָדטישע עפענטליכע אַרבייטען זענען פערמיטעלט געוואָרען ביז איצט 1990 פערזאָן, דערינטער אַנ׳ערך 450 פרויען. אינ׳ם יעצטיגען מאָמענט אַרבייטען בלויז 1709 פערזאָן, דערפון אַנ׳ערך 400 פרויען. די איבריגע 263 פערזאָן וועלען בעשעפטיגט ווערען פונ׳ם 8 ד.ח.

בסך־הכל וועלען שוין אין די נאָהנ־טסטע טעג בעשעפטיגט ווערען 2000 פערזאָן. דאס וועט וואַרשיינליך זיין די מאַקסימאַלסטע צאָהל בעשעפטיגטע אויף די עפענטליכע אַרבייטען אין אונזער שטאָדט דעם היי־יעהריגען סע־זאָן, וואָרום קיין שום גרעסערע קרעדי־טען אויף צו פערגרעסערען די צאָהל בעשעפטיגטע איז נישט פאָרגעזעהען.

פון דער רעכטליכער אונטערשטיצונג פון אַרבייטס־פאָנד געניסען 600 פער־זאָן. זיי זענען אָבער רעדוצירט געוואָ־רען אין משך פון די לעצטע דריי חדשים.

צו די בוי־אַרבייטען זענען צוגענומען געוואָרען אין מאַי העכער 1000 אַרביי־טער. אין אַנדערע צווייגען פון דער אינדוסטריע האבען פערגאַנגענעם חודש בעקומען בעשעפטיגונג אַנ׳ערך 600 אַרבייטער.

זיך געהאָלפען אין דער נויט

דאס קרייז־געריכט האט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון פאַרפאָלק סטאַניסלאוו און העלענא קאָלעטאָ, וועלכע זענען אנגעקלאגט געוואָרען, אז אין דעצעמ־בער און אין יאַנואַר האבען זיי דורך פערשידענע פאַלשקייטען גענאָסען פון דער ווינטער־הילף.

קאָלעטאָ, וועלכער איז פאַקטיש גע־וועזען אַרבייטסלאָז, האט אין דעצעמ־בער פ. י. זיך געוואָנדען צו זיין בעל־הבית מיט דער בקשה איהם צו געבען א בעשטעטיגונג, אז ער איז אַרבייטס־לאָז און ערנעהרט א פרוי, קינד און שוויגערמוטער. דער הויז בעזיצער האט נישט געפונען קיין פעדער און דערי־בער בעפולמעכטיגט קאָלעטאָ׳ן אונ־טערצושרייבען אין זיין נאָמען דעם דאָקומענט.

נאכ׳ן בעקומען די אונטערשטיצונג האט פרוי קאָלעטאָ אויף אַזאַ זעלבען אופן ווידער זיך געוואָנדען וועגען הילף און אויפגעגעבען, אז זי ערנעהרט א מאַן, קינד און מוטער.

אויף אַזאַ פאלשען אופן האט דאס פאַרפאָלק קאָלעטאָ אין די חדשים דע־צעמבער און יאַנואַר גענומען פּראָדוק־טען און געלד אויף א סומע פון 48 זלאָטעס.

דאס געריכט האט ארויסגעטראָגען אַנ׳אורטייל, לויט וועלכען יעדער פון די אָנגעקלאָגטע בעקומט 6 חדשים תפיסה, נאר נעמענדיג אין אַכט די שווערע מאַטעריעלע לאַגע אין מאָ־מאָמענט פון בעגעהן דאס פערברעכן, איז דאס אויספיהרען דעם אורטייל אָבגעלעגט געוואָרען אויף א געוויסער צייט.

ספּילאג פון א סענסאַציאָנעלען פּראָצעס

פערגאַנגענעם שבת האט דאס שטאָד־טישע געריכט פערעפענטליכט דעם אורטייל אין סענסאַציאָנעלען פּראָצעס פון א גרופּע פּאָוויאַקעס מיט׳ן געוו. פּרעזעס וו. שמידט, וועלכע זענען אָנ־געקלאָגט געוואָרען דורכ׳ן סעקרעטאָר פון דער היגער אובעזפּיעטשאָלניע יוליאַן יאַניק.

די אָנגעקלאָגטע האבען אין א גע־מיינזאַמען בריעף צום מיניסטער פאר עפענטליכער שוץ, בעלאַסטעט יאַניק׳ן מיט א רייה פאָרוואורפען, צוו. אַנד., אז ער האט אויסגענוצט זיין דינסט־סיטואַציע אין דער אובעזפּיעטשאָלניע צום שאָדען פון די קעמפער פאר פּוי־לען׳ס אונאָבהענגיגקייט.

די אָנגעקלאָגטע איז נישט געלונגען צו בעווייזען יאַניק׳ס שולד, צוליעב וואס דאס געריכט האט זיי פערמשפּט צו 2 וואָכען אַרעסט און 50 זלאָטעס שטראָף. דאס אויספיהרען די שטראָף איז אָבגעלעגט געוואָרען אויף איינינע יאָהר.

אָנפאַל אויפ׳ן פּ.פּ.ס.־לאָקאַל

דער קרייז־לאָקאַל פון פּ. פּ. ס. אויף סטראַזשאַצקא גאַס, אין וואָוואָדזיע, איז שוין צום דריטען מאל היי־יאָהר געווען דער ציעל־פּונקט פאר פערשידענע צו־זאַמענשטויסען.

אין די אָוונט שעה׳ן האבען די פּאָליטישע געגנער פון פּ.פּ.ס. געמאכט אַנ׳אָנפאַל אויפ׳ן לאָקאַל און טרעפענ־דיג אויף א שטאַרקען ווידערשטאַנד, האבען זיי מיט שטיינער בעוואָרפען דעם לאָקאַל. בעת׳ן צוזאַמענשטויס זע־נען געפאַלען איינינע שאָטען.

די אָנגעקומענע פּאָליציי האט דעם טכסוך ליקווידירט און איינינע פער־דעכטיגע פערהאַלטען.

Awantura przedślubem

Wczoraj doszło do gorszącego zajścia przed ślubem znanej w kołach towarzyskich p. Amelii F. z panem Dr. K. Oto p. młody dr. K. stawił się we fraku i brązowych pantoflach. Zapanowała konsternacja. Panna młoda wyraźnie oświadczyła, że nie stanie pod baldachimem, póki jej przyszły nie włoży lakierek. On jednak wyznał z płaczem, że nie może, bo go strasznie bolą i dokuczają odciski. Niewiadomo jakby się skończyło, gdyby nie dobra rada przyszłego szwagra, który polecił służącej kupić w najbliższym składzie aptecznym plaster LEBEWOHL, radykalnie usuwający odciski i uśmierzający bóle.

— Marysiu — rzekł do służącej — nie wystarcza prosić o plaster zwykły, lecz dokładnie sprawdzić, czy na plastrze tym jest napis LEBEWOHL. Tylko ten jest skuteczny. (ARP)

א שוידערליכער פאַרפאַל אין דער נאָדעל - פאַבריק

עהערנעכטען, ארום 10 א זייגער פריה איז אין דער נאָדעל־פאַבריק גע־שעהן א שוידערליכער פאַרפאַל. בעת דער אַרבייט האט אַנ׳אזוי גערופענע דרייקאַנטיגע נאָדעל פון 15 צענטימע־טער די לענג אַדורכגעשטאָכען דעם אַרבייטער זיגמונט גולביעוש. די שטאָ־לענע נאָדעל האט פולשטענדיג אַדורכ־געשטאָכען גולביעוש׳ס קערפּער.

דער פערוואונדעטער איז איבערגע־פיהרט געוואָרען אין א שווערען צו־שטאַנד אין שפּיטאָל פון דער אובעזפּיעטשאָלניע, וואו ער איז געשטאָרבען אין גרויסע יסורים.

צענטראַלער ספּאָרט - לאַגער פון „מכבי" אין מיקוליטשין

לויט׳ן מוסטער פון די פאריגע יאָהרען האט אויך היי־יאָהר דער צענ־טראַל־קאָמיטעט פון י. ט. ס. פּ. „מכבי" איינגעאָרדענט א צענטראַלען ספּאָרט־און אָבּרוה־לאַגער אין דעם שעהנעם מאָלערישען געגענד מיקוליטשין. דער שטח, וואו דער לאַגער געפינט זיך, איז דאס אייגענטום פון פּוילישען „מכבי" - פערבאַנד. דער לאַגער איז איינגעאָרדענט אין א בערגיגער גע־גענד.

פון היגען „מכבי" פאהרען אָב אין די נאהנטסטע טעג איניגע פערזאָן, וועלכע וועלען ווערען אויסגעשולט אלס אינסטרוקטאָרען.

איינשרייבונגען פון מיטגלידער, וועל־כע ווילען אָנטיילנעמען אין די ספּאָרט־קורסען אָדער אָבּרוה־לאַגערן ווערען אנגענומען אין סעקרעטאַריאַט פון „מכבי" יעדען אוונד. דער אָבצאָהל איז א מינימאַלער.

פון י. ט. ס. פּ. „מכבי"

דער היגער „מכבי" האט בעקומען איינינע אויסצייכנונגען פון אָרטיגען קאָמיטעט פאר פיזישער ערציהונג פאר׳ן בעטייליגען זיך אין דעם יום טוב פון פיזישער ערציהונג, ווי אויך פאר׳ן מוסטערהאַפטען אָרגאַניזירען די ספּאָרט־שפּילען אויפ׳ן אייגענעם ספּאָרט פּלאַץ. די דאַמען־סעקציע האט בעקומען אַנ׳־אויסצייכנונג און דאס צווייטע אָרט אין טורניר פון נעץ־באָל.

עס איז ווערט צו בעמערקען, אז ס׳איז ביי די ספּאָרט שפּילען געווען א שטאַרקע קאָנקורענץ.

דער אַרב. ספּאָרט - קלוב „שטערן"

אין וואַרשע, אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו אַלטער מאַרק 18

מאַכט בעקאַנט, אז עס איז געוואָרען פּראָקלאַמירט א ווערבּיר חודש פון 1־טען יוני ביז׳ן 1־טען יולי 1938 און ס׳וועט רען צוגענומען מיטגלידער אין אַלע ספּאָרט־סעקציעס, ווי: פוטבאָל, פּינג־פּאָנג, גימנאַסטיק (מענער און פרויען־גרופּען), לייכטאַטלעטיק א. א. אַרבייטס־לאָזע זענען בעפרייט פון איינשרייב. אָבצאָהל.

CÉDIB
UNIVERSITÉ DE BEAUTÉ PARIS
RACJONALNA KOSMETYKA
Własne instytuty kosmetyczne w całej Polsce

פאַרבערײַ
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11
פיליע 2־טע אַלעע 16 (הויז פון ת׳ אימיך)
מענער - קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל־גלאַנץ צום פּרייז 10 גר.
ספּעציאַליטעט:
1) אויספּוריישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ׳ן אָרט), 4) כעמישרייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן,
די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַנ׳אָבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע־שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

Szczepienie ochronne
przeciwko ospie świeżą krowianką szczepi
Starszy felczer
ST. MITTLER
Piłsudskiego 7
tel. 18-04.

Kino „LUNA"
לויט דער ערצעהלונג פון יוליוש ווערנע
Kurier Carski
די גרעסטע קרעאַציע פונ׳ם ליבלינג פון פּובליקום
Anton WALBROOK

KINO „EDEN".
די גרעסטע פילם־שטערנס
Janet Gaynor
Loretta Young
Simone Simon
אינ׳ם פילם
ZAKOCHANE KOBIETY